STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02248

GEZANGEN UN DERTSEYLUNGEN

Joseph Aronoff

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף אַראָנאָף

געזאנגען און דערציילונגען

לידער מיט מוזיק

מאָנטרעאַל, 1946

GESANGEN UN DERTZEILUNGEN

By JOSEPH ARONOFF, J.P.

PRINTED IN CANADA

Copyright by
J. ARONOFF, J. P.
March 22nd, 1946
MONTREAL, CANADA

במקום הקדמה

די דאָזיקע לידער וואָס זענען אָפּגעדרוקט אויף די עטליכע זייטן זיינען מיר פאַרבליבן פון אַסך הונדערטער לידער וואָס זיינען מיר פאַרלוירן געגאַנגען.

אַזוי ווי דאָס גאַנצע לעבן האָב איך געחלומט, און געוויייטעקט, אין דער שטיל און געשריבן, דעריבער זיינען די דאָזיקע לידער מיר געבליבן פון מיינע אַלע חלומות וואָס האָבן זיך אויסגעברענט ווי אַש, און אַזוי ווי מיין האַרץ איז אין זיי באַגראָבן מיט אַלע מיינע יוגנט האָפנונגען, וואָס זיינען מיר געוואָרן אויסגעלאָשן, דעריבער זיינען זיי מיר הייליק און טייער ווי פעלד בלימעלעך וואָס וואַקסן אויף אַ נאָענטענס קבר.

דאָס רוב פון זיי האָב איך געשריבן ביי דעם גערויש פון דער מאַשין אין שאָפּ ביי דער אַרבעט, און אין דער זעלבער צייט אויך געשאַפן די מוזיק ביי דער מאַשין. אין זיי האָב איך אַריינגעגעבן מיין צאַרן און ווייטיק, און די אַלע ענטוישונגען פון יעדן יחיד וואָס לעבט, חלום׳ט און זוכט צו אַ שע־נערן מאָרגען און אַ בעסערע וועלט.



יוסף אַראָנאָף

לידער

אלי אלי למה עזבתני

כ׳קום צו דיר מיין גאָט פון תפילה,
שטרעק מיר אויס דיין רחמים האַנד.
ס׳איז די וועלט מיר — הפקר פיינטלעך
גענאַרט פון נעכטן און פון היינט.

כ׳בין דער אַלטער איד דער וואגלער,
כ׳געפין קיין אַנשפּאַר און קיין אָרט,
באַרויבט פון יושר און לעבנס ווערטן,
פון הבטחות — קיין אמת וואָרט.

ס׳האָט די וועלט קיין האַרץ, קיין אויער
פאַר אידיש ווייטאָג, בלוט און פּיין,
היימלאָז כ׳פלאָנטער זיך אין גלות
דאָרט ניט גיין און דאָ ניט זיין.

טיר און טויער פאַר מיר, פאַריגלט,
מיין בלוט איז הפקר — כ׳בין לעבנס מיד.
קיינער זעט ניט, קיינער הערט ניט,
קין׳ס עולה קעגן איד.

געלאָזט אונדז איבער האָסטו אויף הפקר,
אונדזער לעבן אין מערדערס הענט.
דערשטיקט אָן ודוי אין גאָז אויוונס
מיט דיין תורה אונדז פאַרברענט.

ווען וועסטו שוין גאָט פון יושר
דערהערן אונדזער געבעטס געוויין ?
רחמים פליגעל אויף אונדז צעשפּרייטן
אונדז אויסלייזן פון גלות פּיין ?

כ׳קום צו דיר מיין גאָט פון תפילה,
שטרעק מיר אויס דיין רחמים האַנט,
ס׳איז די וועלט מיר הפקר פיינטלעך
גענאַרט פון נעכטן און פון היינט.

כ׳רוף צו אייך: על אלה אני בוכיה

ס׳איז אונזער רוף, א קול במדבר,
ביי אַלע אומות און נאַציאָנען,
אין מלחמות פאַר אייך זיך געשלאָגן
און דעם איד טוט מען נישט דערמאָנען.

נאָך מאַסן שחיטות, מיליאָנען קרבנות,
קאָנצענטראַציע קעמפּס פול מיט בלוט
אַ וועלט שטום ווי אַ מויער,
קיינער נעמט זיך ניט אָן פאַר דעם איד.

היטלער׳ס לערע נאָך שטאַרק פאַרבליבן,
פון ראַסן האַס און ביטערע זאַמען
ווידער פאַרניכטען דאָרט דעם איד,
אין רומעניע, פוילן מיט נייע פּאָגראָמען.

און די בייזע שווערד וואָס הענגט נאָך
אין גאַנץ איירָאָפּע און אומעטום,
אויסצוראָטן זיך פאַרמאָסטן
די אַלע אידן פון אומעטום.

נאָך ניט פאַרגעסן שחיטות, מאַידאַנעק,
ווי אויך בעלזן, דאכאוו און לובלין.
נאָך רדיפות נאָך געטריבן
וואו איז רעטונג, וואו גייט מען, וואוהין ? . . .

אַ יאָר נאָך דייטשלאַנד׳ס מפלה,
פרייד האָט אויפגעלעבט יעדע מדינה.
נאָר אָט איז פּאָגראָמען אויף אידן
אין טריפּאָלי און פּאַלעסטינע.

נאַר טיר און טויער שטאַרק פאַרריגלט
פאַר דעם אידן ווי אַ בראַנד,
פון דאָרט ניט פאָרן, דאָ ניט קומען,
פאַרשפאַרט פאַר דעם איד איז יעדעס לאַנד.

אויף דערויף טו איד ביטער וויינען,
פון גרויס ווייטיק ווערט מיין האַרץ פאַרברענט,
נאָך די זעקס מיליאָן קרבנות
זענען מיר אַלס פאָלק נאָך ניט אַנערקענט.

כ׳רוף צו אייך פעלקער, גרויס און קליין,
צו גוטן האָט דעם איד איין זינען.
מיט אַ תפילה בעט איך אייך,
מאין יבוא עזרי — ווען וועסטו קומען ? . . .

איכה מאַטיוון

אין אייער נאָמן וועט בלייבן אין הייליקע ספרים פאַרשריבן,
קדושים פון אַלמעכטיקן גאָט,
דערמאָרדעטע . . . דערשטאָכענע . . . מיט טעמפּע חלפים,
מיט שמע - ישראל אויף ליפּן פאַרשמאַכטע.
פאַרברענט מיט ספרים און הייליקע שמות,
צוזאַמען מיטן אַלטן בית המדרש
וואו אַ נר־תמיד געלאָשן און געברענט.

און דורות נאָך דורות וועלן איבערגעבן,
ווי קינדער געפּייניקט געוואָרן מיט שפּיזן און העק,
און אויגן פון עלטערן האָבן געמוזט צוזעז
און שלינגען דעם ווייטאַק און גאַרניט קענען טאָן.
ווי גאַנצע משפחות מיטן שטאַם לעבעדיק באַגראָבן,
מיט קאַלך באַשאָטן ווען זיי האָבן נאָך געלעבט . . .
גאָר אַן אַ שולד און אָן אַ פאַרוואָס ! . . .

און עס וועלן נייע ירמיהו׳ס,
נייע עכאָס אָנשרייבן,
מיט יאָמער די נשמה אויסוויינען
אויף זעקס מיליאָן קדושים, אומגעקומען על קידוש השם.
די בעסטע קינדער פון אונזער פאָלק אומגעבראַכט
אויף דעם מזבח פון מלחמה,
פאַר וועלכע מיר האָבן פיל צוגעטראָגען
און גאָר ניט געקראָגען
פאַר וואָס . . . פאַר וואָס . . .

איך באַגריס

איך באַגריס דיר, גרויסע שיינע וועלט,
וואָס האָסט געבראַכט, דעם טאָג פון פרידן
ווי די מלחמה איז אין ענד,
ס׳וועט זיין שלום, אייביקער פרידן.

מער קיין שיסן, מער קיין פייער,
מער קיין קוילן, זאָל פליען ווי פריער,
מער קיין בלוט זאָל פאַרגאָסן ווערן.
אַן ענד מוז קומען מיט אַ שיעור.

מער קיין טרערן, מער קיין שנאה,
מער קיין אַרמוט, מער קיין שרעק און נויט,
צו לעבן אין שרעק פאַר דעם מאָרגן,
וואָס טראָגט פאַרוויסטונג מיטן טויט.

און זאָל צוריק, די וועלט אויפלעבן,
און מער ניט וויסן פון מלחמה־שרעק,
און די געפאַלענע דערמאָנען
וואָס זיינען פאַר דער צייט אַוועק.

און זאָלן די אַלע פאַרוואונדעטע קינדער
גיך ערהוילט ווערן מיט אַמאָל,
צווישן זיי מיין זון דער לויטענענט,
אין יו. עס. פערסע דזאָנס האָספּיטאָל.

איך באַגריס דעם שיינעם טאָג,
וואָס ביזט מיט שלום געקומען,
און די גאַנצע וועלט אומאַרעמט דיך,
האָסט אַלעמען ווי פריינט צונויפגענומען.

און זאָל דער מענטש מער נישט שמאַכטן
און אַ שנאה וועלט פון שרעק און בליי,
נאָר אונטער אַ זון פון שטראַל און פריידן
וואָס וועט באַלויכטן פאַר אַלעמען פריי.

און זאָל מיין וואָרט מקיום ווערן
אַז אַ וועלט פון פרידן איז איינגעשטעלט,
אונטער אַ פאָן פון גערעכטיקייט, ברידערלעכקייט,
וועט אויפשטראַלן אַ נייע וועלט.

פּאָעטן און שרייבער

פּאָעטן און שרייבער,
איר שרייבט דאָך אַזוי פיין.
כ׳ווינטש אייך פון מיין האַרצן,
אַז איר זאָלט גליקלעך זיין.

פּאָעטן און שרייבער,
פונם נייעם דעזיין,
נעמט מיך אָלס קאָלעגע
צו אייער שרייב־טיש אַריין.

ווער ס׳שרייבט מיט טאַלאַנט,
ווער וואולגאַריש אַן טאַלק,
גליקלעך איז דער שרייבער
וואָס ווערט אַנערקענט ביי דעם פּאָלק.

פּאָעטן און שרייבער,
כ׳זוך ניט ווערן רייך גיך.
אַ סך פון אייך הונגערט
און גייען באָרוועס אַן שיך.

און אַז כ׳בין שוין מיט אייך
איר וועט ניט ליידן קיין בושה,
כ׳וויל לאָזן אַ געשריבן וואָרט
— פאַר מיין פאָלק אַ ירושה.

מיין דערפעלע

אַ דאָס דערפעלע, קאָמפּאַניעס,
לעבן דער גרויסער שטאָט כערסאָן,
אויסגעוויגט זיך, אין וויגעלע,
געלערענט זיך צו טאָן אַ שפּאָן.

ליב און זיס, איז מיר געווען
אין מיין ליבע, קינדער צייט,
אויף פעלדער — גרינע גראָז
גערוישט האָט, פון יעדן זייט.

און אויף יעדןביימעלע
עפּעל, וויינשל, זיך געוויגט,
און די שיינע פייגעלעך
זיי באַזונגען און געפּיקט.

דעם גרויסן פעלד, געאַקערט
ניט געוואוסט פון אָרעם נויט,
דעם קוואַס מיט דורשט געטרונקן
פאַרביסן, מיט טרוקן ברויט.

צעשפּרייט לאַנג־גרינע אודינעס
אויף דעם גרינעם באַשטאַן,
דאָ וואַקסט, מזל־ברכה,
פון אַלדאָס גוטס פאַראַן.

נאָך מיין אַרבעט, געשלאָפן
אין דעם קילן קורין,
צוזאַמען מיט דער יאַשצערקע
וואָס ס׳איז פאַרקראָכן אַהין.

די מוראַשקעס און זשוקעלעך
צוזאַמען גיך קריכן זיי,
הוידן זיך, און וויגן זיך
אויף זאַנגען סנאָפּעס היי.

די נאָדעל איז היינט מיין סאחע.
עס טרינקט זיך ניט מער קיין קוואַס,
אָך, ווי איך בענק נאָך די קאַפּעניעס
אַוועק ווי קינדער חלום שפּאַס.

דער סאָסנע בוים ביים טייכל
וואו ס׳זינגט דער סאָלאָוויי,
פון יענער זייט בערגל
אַ גרויסע וועלט, איך זעה.

דער דאָרף איז געווען מיין אַמעריקאַ,
פון דער גאַנצער וועלט געלאַכט,
אַנטלאָפן גיך די יאָרן
ווי אַ חלום אין דער נאַכט.

דער שאָפּ

עס רוישן אין שאָפּ די מאַשינען,
ס׳יאָגט זיך דאָס רעדעל אַן אויפהער,
געבויגן ביים נייען, זיץ איך און טראַכט:
איך בין נאָר אַ שרויף, אָבער ניט מער.

אין גערויש פון מאַשינען געיעג איינגעשפּאַנט
שוין יאָרן אַזוי גאָר האָב איך פאַרבראַכט,
פּאָר אַ בעסערן מאָרגן פריידיקער אַנזאָג,
מיין וועלט פון חלומות פאַוויאַנעט פאַרבראַכט.

און אַזוי דרייט זיך דאָס רעדל אַן אויפהער, אָן רו,
און מיט דעם קירצער עס ווערן די יאָרן,
פון גלויבן און האָפן אויף נייע פרימאָרגענס
ביי אַ וועלט איך פיל זיך פאַרלאָרן.

און קיינער עס האָט מיך אין זינען אַ מאָל,
און קיינעם עס טוט מיין עולה אַרן,
און אָפט טראַכט איך, כ׳בין אַ שקלאַף נאָר
איבערגעגעבן צו יאוש׳ן און צער׳ן.

דאָך מיט שטאָלץ עס איך דאָס ברויט פון מיין פּראַצע
וואָס איך ניי אויס מיט די צען פינגער,
אין דעם ליגט מיין שטאָלץ דאָס וואַרטן
פאַר אַ בעסערן טאָג וואָס מאַכט מיר איינגער.

איך ליב אָבער מיין פּראַצע, מיין אַרבעט
איך ליב דאָס גערויש, אין שאַפּ, די מאַשין,
דורך איר עס איך מיין שטיקעלע ברויט,
דאָרט איז מיין גאַנץ לעבן פאַרטאָן.

כ׳זיץ ביי דער אַרבעט אליין, איינגעבויגן
אין טייכן שוויס, מיין קערפּער באַגיסט,
אין חשבונות פאַר אַ בעסערן לעבן,
אין חלומות פאַרשווינדן אומזיסט.

און אַזוי לויפן אין שאָפּ די יאָרן און טעג
גיך יאָגט זיך דאָס רעדעל אַן אויפהער,
אַ מידער, געבויגן אין מיין טרוימען
אַז כ׳בין אין שאָפּ אַ שרויף און ניט מער.

בנגינות על השמינות

ווען איך קום צו אייך צוגיין
דערלאַנגט מיר אַ ברידערליכע האַנט,
כ׳בין ענטוישט געוואָרן אין לעבן
פונ׳ם נעכטן, אויך פונ׳ם היינט.

כ׳בין ווי דערשלאָגן צו ענדע
כ׳געפין ניט אונטער די פיס קיין אָרט,
דערוועקט די סטרונעס פון מיין לעבן,
טרייסט מיך, ברידער, מיט אַ ליב וואָרט.

זאָל דאָס האַרץ אַרויסדערציילן
פון די אַלע קראַנקע סטרונעס,
דוד המלך האָט דערציילט זיין שמערץ
אין בנגינות על השמינות

און דאָס פידעלע האָט אים געטרייסט
וואו קיינער קען ניט דערציילן,
וואו נעם איך די פידל מיט אַכט סטרונעס
וואָס זאָל קענען מיין ביטער האַרץ היילן.

פרייד

וואָס פרייד איז, איז דאָך אַלעמען באַקאַנט,
נאָר מען דאַרף עס זוכן אויף אַלע וועגן.
זי קומט און פאַרגייט ווי די זון,
אַמאָל מיט ליכט און אַמאָל מיט רעגן.

און פרייד דאַרפסטו וויסן צו היטן
ווי אַ שוואַרצאַפּל פון דיינע אויגן,
אַט איז עס מיט דיר צוזאַמען געוועזן
און אַט איז עס שוין פון דיר ווייט פאַרפלויגן.

ווי פריידיק דיין האַרץ טוט זיך פרייען
פרייט זיך די נשמה נאָך מער, מער,
וואָס דיין אויג זעט אין אַ יעדן ווינקל
פרייט זיך דיין האַרץ וואו דו טוסט זיך נאָר אַ קער.

און פריידיקע חלומות זיי פלעכטן
און ווער איז צו דיר גאָר גלייך,
אַז יעדער האָט זיין פרייד פאַרשידן
מעגסטו זיין אָרים סיי רייך.

ווען פרייד אין אַקאָרד צושפּילט זיך
ביי מענטשן דאָס האַרץ ווי טייכן און מער,
דאַן דער קערפּער פון עקסטאַז צעטאַנצט זיך
כ׳פרעג: פאַרוואָס לאָזט דאַן דאָס אויג אַ טרער ?

אין וויגעלע

אין וויגעלע וויג מיך איין מאַמע
און ליב זינג מיר צו אַזוי שיין;
איך וויל זיך דערמאַנען די יאָרן
ווען יונג אַ קינד כבין געווען . . .

און טוליע מיך איין צו דיין האַרצן
נשמהדיק, זאַנפט, אַזוי פיין;
דאַן וועל איך פאַרגעסן די ליידן,
וואָס דריקן און בויגן מיך איין . . .

און לאָז מיך אויף דיין שויס יעצט לייגן
מיין קעפּל אַזוי ווי אַמאָל,
ווען פריידיק דו האָסט יעדע טרער מיר
מיט קושן פאַרווישט אַן אַ צאָל . . .

כאָטש יאָרן אַזוי פיל פאַרשוואונדן,
קלינגט אַלץ מיר דיין ליד אַזוי ניי:
דאָס וויגןביים שיין פון דעם לעמפּל
ז׳געווען אַזוי זיס און געטריי . . .

יעצט שטורעמט אַרום מיר דאָס לעבן,
כבין שוצלאָז, מאַמעניו קרוין !
איך ברויך איצט דיין שמייכל, דעם זיסן,
כאָטש אַלט בין געוואָרן איך שוין . . .

דער גורל פאַרוויגט מיך אין יאוש,
דערמאָן איך דיך מאַמעניו מיין:
דיין וויגן אין שאָטן פון שטילקייט,
דיין ניגון פון טרייסט און געוויין . . .

כ׳האָב מיך אין וועלטן געוויגט
דאָס וויגן איז אָבער ניט דיין,
געטרייער פון אַ מאַמעס ליבשאַפט
איז ניטאָ — און וועט קיינמאָל ניט זיין . . .

אוונט - ליד.

כ׳פרעג דיך, לבנה...

כפרעג די לבנה, אין סודות געהילטע,
וואס ביסטו פארדמיונט, פאַרטראַכט ?
צו זעסטו פון היימוויי דעם צער אויך מיינעם,
און ווייטיקסט מיט מיר אויך פאַרשמאַכט ?

אַ, זאָג, צו פאַראַן נאָך אַ ווינקל, אַ פרייען,
דאָרט אין די בלוי־טיפע רוימען,
צווישן קראַנצן פון שטערן, וואס סודן ווינקן,
אפרוען באַפליגלט אין טרוימען . . .

שפיל ווייטער דיין ליד מיר אויף סטרונעס די בלאָע,
פאַרוויג מיך אין בלאָען, דיין סוד !
זע, כשטיי דאָ אַ וואָגלער . . . און וועגן זיך קרייצן . . .
און ווייט איז דער וועג נאָך צו גאָט . . .

כפרעג די לבנה, אין סודות געהילטע,
וואס ביסטו פארדמיונט, פאַרטראַכט ?
צו זעסטו פון היימוויי דעם צער אויך מיינעם,
און ווייטיקסט מיט מיר אויך פאַרשמאַכט ? . . .

אָפּגעריסענע בלומען

כ׳האָב שיינע בלומען אָפּגעריסן
אין וואַזע זיי מיר געבראַכט;
איך באַגיס זיי יעדן פרימאָרגן
און זיי דופטן, רייצנד, אַ פּראַכט . . .

בליען זיי ניט מער אין וואַזע,
בייטן וועקסלען זיך און וויאַנען,
בענקן צוריק אין זייער גאָרטן,
פון וואַנען געקומען זיי זיינען.

כהאָב ניט געוואוסט אַז בלומען אין וואַזע,
פאַרלירן באַלד זייער שיינעם בליק,
גיסן טייכן ווייז מיט טרערנדלעך,
בעטן זיך צום גאָרטן צוריק.

וויינט ביטער דער גאָרטן אין דער נאַכט,
רופט, וועקט דעם מענטשנ׳ס געוויסן.
וואָרום האָט איר מיינע קינדער בלומען,
פון מיינע צווייגן אָפּגעריסן . . .

אַזוי איז דער מענטש געגליכן
צו אַראָפּגעריסענע בלומען . . .
ווערט פון זיינע צווייגן אָפּגעריסן,
קען פון יענער וועלט מער ניט קומען . . .

בלומען זיסע, בלומען טייערע,
אַך, ווי ס׳טוט מיר נאָך אייך באַנג . . .
ניטאָ קיין בלומען אייביקע,
וואָס זאָלן לעבן אייביק לאַנג . . .

שפּראָצן נייע בלומען אין גאָרטן,
וואו די אַראָפּגעריסענע געזעסן . . .
און די גערטנער, וואו דער מענטש און בלום
האָט געלעבט, ווערן לאַנגזאַם פאַרגעסן . . .

I PLUCKED SOME FLOWERS

I plucked some lovely flowers one morning,
And put them into a vase,
I water them early each morning —
Their beauty is great — without flaws.

Alas! they do not bloom in the vase,
Oh, they pine and wither away;
Longing for their own friendly garden,
Far away from which they must stay.

How could I know that these flowers charming,
Would in a vase lose their fragrance rare,
And silently weep tortured tears,
Yearning for their garden so fair?

And the garden, in turn, weeps for them,
Preys on Man's conscience through the night,
"Why did you take my young birthlings from me,
Tore them away with a pain burning white?"

And so is the way of all men,
Like flowers that some man most heedlessly tore,
Men are plucked from their own native roots,
From the Other World can return nevermore.

Oh, flowers so sweet, oh blooms so fragrant,
Feelings deep within me cry;
Weep that flowers don't last forever,
Weep that lovely flowers too must die.

Spring is here and new flowers are budding,
In the place of the blooms that went before;
And the gardeners — men of flesh and blood,
Having lived, remembered are no more!

אויגן דיינע...

אויגן דיינע, טיפע ברונעמס שפּיגלען אַפּ מיין גליק, מיין פרייד,
אין מיין בלאַנדזשן, אין מיין עלנט, בענק איך צו דיר פון דער ווייט...

אויגן דיינע הימל בלויע, רופן, וועקן צאַרט מיין האַרץ,
מיט דיין רייץ בין איך פאַרכישופט, גיב אַ טרייסט מיין שמערץ...

אויגן דיינע, קדושה פלעמלאַך, פינקלען סודן אַ פאַרלאַנג,
גיב אַ שמייכל, גיב אַן אנדייט, כ׳וואַרט אויף דיר שוין אַזוי לאַנג...

אויגן דיינע פול חלומות, פרישן אויף מיין יוגנד מיר,
לאַז מיר אַזוי שוין פאַרבלייבן כּאַטש אין חלום ביי דיין טיר....

THINE EYES OF BLUE

Sparkling springs of joy thine eyes of blue,
Wandering my heart goes out to you.

It returns from lonely fear,
It returns to you, my dear,

Drawn, forever drawn, by eyes of blue.

From the farthest boundaries thine eyes
Cause my low and lonely heart to rise

Fill me with a tender love,
Lift me to the heights above.

Eyes who drained their colour from the skies.

Shining eyes awake the hopes of yore,
Keep the love-lamp burning evermore

Vernal are the fields of spring
The eternal muses sing.

Let me drift, so dreaming, to thy door.

וועב זיך, וועב זיך . . .

וועב זיך, וועב זיך, חלום מיינער
אין פעדעמס זיידן־בלוי . . .
קער צוריק מיין קינדהייט צארטע,
ווי פּערלדיקער טוי . . .

מיט די פליגל ברייט צעפלאַטערט,
מיין פאַרלוירן גליק —
ברענג דעם בלאָען פויגל ווידער
אין גאַרטן מיר צוריק . . .

זעטיק, זעטיק, חלום מיינער
דעם ווייסן הונגער שמאד,
גיב דעם אומרוהיקן וואגלער
א תיקון פון אַ דאך . . .

מיט פינגער איבער סטרונעס צארטע
איך שפּיל אויס דעם ניגון,
פון שטילע פריידן אין ווייטן עבר,
וואס באַהאַלטן ליגן . . .

וויג זיך, וויג זיך חלום מיינער,
שטיל די היימוויי איין,
זאָל מיר דוכטן, כאָטש אַ רגע,
כבין קיין שטיין, קיין שטיין . . .

גיב מיר פּלאַץ אין דיין האַרצן . . .

גיב מיר אַ פּלאַץ אין דיין האַרצן,
ווייל היימלאָז איך דריי מיך אין גאַסן,
אַט שוועבסטו און כ׳גיי נאָך דיין שטן,
האָב מיטלייד מיט דעם זינגער דעם בלאַסן . . .

און ווייאיקע וואונדן זיי וועקן,
זיי ציען זיך לאַנג ווי אַ קייט,
טיף אין מיין צעבלוטיקטער נשמה
זיינען קערנער פון צער פאַרזייט.

גיב זשע אַן אָפּרו אויף דיין שוועל,
גיב אָפּ מיין פאַרלוירענע פרייד,
וועסטו דעם קומער אָפּטאָן פון די אויגן
וואָס פאַרצערט מיך מיט הילפלאָזער לייד.

וואָס בלאָזן און וויינען די ווינטן ?
דער שיקזאַל וואָס טרייבט מיך אַזוי שווער,
און ווער טוט אויף מיר אַזוי קרעכצן
און קיינער לאָזט ניט אויף מיר קיין טרער ?

אַלע ווען מיטפילן מיין ווייטיק,
נאָר דו ווילסט ניט מיך פאַרשטיין,
איך אַליין וועל די וועלט באַוויינען,
ביז איך וועל אונטערגיין . . .

אויגן איר שיינע . . .

אויגן איר שיינע, אויגן איר זיסע,
וואו זייט איר מיט רייצנדן חן ?
אין וואגלעניש, עלנט פלאַטערט אַ תפילה,
צו הערסטו מיין בענקשאַפ, געוויין ?

אויגן איר בלויע, הימל לאַזורן
פינסטער איז אַן אייך מיין האַרץ . . .
זע, כביין אַ שאָטן פון ליבע פול יאוש,
חלומות צערונען — ווי אַ טייך . . .

אויגן פול כישוף, לויטערע קוואַלן,
וואָס שמייכלען מיט זיסן געזאַנג,
אַ בעטלער שטיי איך און בעטל דיין שמייכל . . .
זאָג מיר, ווי לאַנג נאָך, ווי לאַנג ? . . .

אויגן חלומות, זוניקע בלומען,
לאָז פאַלן דיין בליק אויך אויף מיר,
אין האַרצן געוואַרעמט איך האָב דיך פון צאַרטקייט
יעצט קלאַפּ איך, און קלאַפּ אויף דיין טיר . . .

אויגן איר שיינע, אויגן איר זיסע,
וואו זייט איר מיט רייצנדן חן ?
אין וואגלעניש, עלנט פלאַטערט אַ תפילה,
צו הערסטו מיין בענקשאַפט, געוויין ? . . .

שענקט מיר

ווען איך קום, שענקט מיר אַ גוט ווארט
ווייל איך טרינק זיך אין שמערצן און זארגן.
אפשר ! ווערט אייער ברכה מיר ברענגען
אַ בעסערן היינט און אַ שענערן מארגן.

מײַן לעבנס בוך

וואָס טויג אַ וועלט פון טומעל געיעג
כ׳וואָלט וועלן אַלץ בעסער מאַכן,
ביינאַכט — פאַרטאָג, אין שטרויכלונג וועג
צו אויסבעסערן איז דאָ פיל זאַכן.

אַך, ווי עס בענקט זיך אַזוי נאָך דעם
דער גלוסט, מײַן האַרץ גייט שוין איבער,
אַ טאָג פון גרוי און פינצטערער נאַכט
אין גלוסט שוידער איך ווי אַ פיבער

אַ העליש פלאַם פון בענקשאַפט ברענט און צאַנקט
עס ברויזט אין נאַכט ווי די טיפע ימען,
ווער קאָן עס וויסן און ווער פאַרשטייט
וואָס פאַרבונדן מיך האָט אין צאַמען ?

אַ גרויסער צער איז מײַן לעבנס בוך
מײַן לעבן אַ שווערער, שווערער חלום,
דאָס לעבן האָט מיך טיף אָפּגענאַרט,
איך זוך צומאַכן מיט דעם שלום.

וואו ביסטו זאָג, דו שעה פון רו
וואָס דער מענטש זוכט זי אַזוי געהויבן,
איז דען פאַר מיר מער קיין וועלט ניטאָ,
איז דען שוין אַלעס מיט ווינט פאַרלוירן ?

כ׳בין אַ מאַמע

כ׳בין אַ מאַמע ווי אַלע מאַמעס
אַ נשמה, אַ איידעלע אַ צאַרטע,
כ׳בין אַ גוטע אַ וואוילע,
און ניט קיין שלעכטע איינגעשפּאַרטע.

כ׳בין אויסגעדאַרט געוואָרן
וו׳איך האָב מיינע קינדער גוט געהיט,
אַוועקגעגעבן זיי די בעסטע יאָרן
און פון אַלעס בייז זיי אויסגעהיט.

ווען אַ קינד איז קראַנק געוואָרן
האָב איך גאָט געבעטן ער זאָל מי׳ר ניט שטראָפן,
ווער האָט דאָן געגעסן געטרונקן,
זיצן גאַנצע נעכט ביים וויגעלע און ניט שלאָפן ?

ווען אַ קינד איז איינגעפאַלן
אויף מאַזלען אָדער גאָר פּאָקן,
דאָר׳ט ביים בעטעלע גאַנצע נעכט
נייען דייפּערס און שטריקן זאָקן.

און וויפיל שמערצן זיך אויסגעליטן
ווען דאָס קינד זיך געשניטן אַ ציינדל,
נאָר אַט האָט די מאַמע צוריק זיך אויפגעלעבט
ווען דאָס קינד האָט געמאַכט דאָס ערשטע חן׳דל.

און אַט טוט דאָס קינד דעם ערשטן שפּאַן
לערנט זיך גיין צו ווערן געניט,
און אַט איז דאָס קינד צום אויוון צוגעפאַלן
ווייַ איז דער מאַמען ! דאָס קינד האָט דאָס הענטל אפּגעבריט.

איך בין די מאַמע די וואוילע גוטע
מיט די נשמה די ריינע צאַרטע,
קינדער ערצויגן ווי שיינע בלומען
אַליין פאַרבליבן, איינגעטריקנט אַ פאַרדאַרטע.

דער פויגל אין שטייג

דער שיינער ווינטער איז אוועק
דער ווייסער שניי איז צעגאַנגען,
דאָרט זיצט אין שטייגל אַ פויגל
וואָס איך אַליין האָב געפאַנגען.

איך פאַרזאָרג אים שוין מיט אַלעס
מיט שלאָפן, טרינקן און עסן,
כדי ער זאָל שוין וואָס גיכער
אַן דעם גרינעם וואַלד פאַרגעסן.

פייגעלע, דו ביסט שוין פאַרזאָרגט
פון גרויסע היצען און פון קעלטן,
און קיין מורא פאַר מלחמות
און פאַרזאָרגן קינדער מיט וועלטן.

פייגעלע, ביזט גליקלעך, דיר ז׳גוט
דאַרפסט זיך שוין מער גאָר ניט זאָרגן,
פאַר רענט אָדער לוקסוס קליידער
דאַרפסטו ניט לייען און באָרגן.

טאַ זאָג מיר פייגעלע, וואָס פעלט דיר ?
רעד שוין, זאָג נאָר אַרויס איין וואָרט,
אַזוי קריגסטו אַלעס, אַלעס
תיכף, תיכף, אויף דעם אָרט.

און דאָס פייגעלע ענטפערט מיר,
פרעגסט מענטשעלע, מיינע פאַרלאַנגען ?
באַגרייפסט וואָס מיינט אַ פייגעלע
אין פרילינג צו זיין אין שטייג געפאַנגען ? . . .

אָן אַ היים

האָט אַ צווייג אַ שטורם אַראָפּגעריסן
און פאַרשלעפּט מיט דעם פויגלס נעסט,
פון דאַן איז דער פויגל דערשלאָגן
ער וויינט, ניט ער טרינקט, ניט ער עסט.

כ׳בין געגליכן צו יענעם פויגל
וואָס דאָס אומגליק מיר אויך געשען,
מיין חבר מיר אַוועקגעריסן
כ׳בלאָנקע מיר עלנד אָן אַ היים.

ווי טאָג און נאַכט קומען זיך צוזאַמען
ווי אַ ווערבע ביי האָריזאָנט,
ס׳האָט קיין שרייבער זיך נאָך ניט דערשריבן
ווי דאָס בענקשאַפט נאָך אַ היים עס מאָנט.

ווער קאָן באַווייזן אַט יענע וואונדער
וואונדער אין יענעם גרויסן זשעסט,
העלפן מיר יענע היים צו בילדן
ווי אויך דעם פויגל מיט זיין נעסט.

צווישן זשאַבעסביים טייכל

עס פינקלען די שטערן אין הימל,
אויף די פעלדער מיט גרינסן פון יאַר;
אַלעס וואָס לעבט האָט מיט געזונגען
אין איין גרויסן, נאַטירלעכן כאָר.

און דאָס זשוקל וואָס חלומט און קריכט
בערגטיילן צום וועגלעכן שליאַך,
און זשאַבעס וואָס קראַקן כסדר
באָדן זיך אין זילבערנעם טייך.

ס׳גלוסט זיך מיר, עס ציט מיר אַהינצו
באָדן זיך מיט זשאַבעס אראָפּ,
דאָרט האָט קיין שנאה קיין ווערדע
דאָרט נעמט פון רכילות אַ סוף.

און ס׳גלוסט זיך דאָ, מיט זשאַבעס לעבן
שפּרינגען מיט זיי גיכער, גיכער,
און מענטש צווישן מענטש האָט מער קיין פּלאַץ
מיט זשאַבעס איז מען מער זיכער.

מיט זשאַבעס אין טייכל דאָ שפּרינג איך
און ווייס מער ניט פון לייד טרערן,
ווי גוט איז צווישן זשאַבעס לעבן
כ׳וויל צום מענטש שוין מער ניט אומקערן.

די בוימער אין וואַלד

איך זייט מיינע פריינט, בוימער אין וואַלד,
זינגעז וועל איך אייך דאָס שענסטע,
אין רוישן בלעטער אַ כשוף געזאַנג
מיט בלעטער די גרינע געבענטשטע.

אַ יעדן פרימאָרגן פון זונעז אויפגאַנג
זעצט זיך די זון אויף אייערע צווייגן
אַז יעדעס וואָס האָט נאָר אַ לעבן אין זיך
קען ניט פאַרבלייבן אין שווייגן.

און די זון פרעכטיק וואָס שיינט און זעטיקט
אין דעם וואַלד דעם שיינעם דעם טיפן
אַז לעבן זאָל זיין געלעבט, אַלעס וואָס אַטעמט
צום לעבן און גענוס, טו איך אייך רופן.

און ווען ווינטן צעבלאָזן זיך מוראדיק שטאַרק
און דער הימל מיט שוואַרצע וואָלקענס פאַרשפרייט,
דאַן באַפאַלט מיר פון ערגעץ אַ מורא, אַ אומעט
און דאָס האַרץ פון פיין־שמערצן צעגייט.

צעבראָכן די גליקן, צעריסן די פרייד
אַ פחד, אַ מורא, אַ שרעק און אַ שיעור,
האָבן ווינטן צעריבן די שרעקענדע וואָלקנס
מיט פרייד אין וואַלד, זינגען ווייטער די ביימער מיט מיר.

ווען כ׳דערמאָן זיך . . .

ווען כ׳דערמאָן זיך די טאָלן די שיינע,
דאַן ווער איך פאַרדמיונט פאַרטראַכט:
אין טאָל פלעגט אַ טייכעלע שטראָמען
און איך אין חלומות פאַרבראַכט . . .

דער שיין פון דער זילבער לבנה
אַ כישוף שלאָס האָט פאַרבאַרייט:—
איך אַ בן מלך, זי — אַ בת מלכה,
באָדן זיך אין קוואַליקער פרייד . . .

אויף בוימער הויכע פון אַרומיקן וואַלד,
אַ פויגל צעגיסט זיך אין געזאַנג;
מיר ווערן פאַרבונדן מיט כישוף,
פאַרשיכורט אין ליבעס געטראַנק . . .

די פישעלעך פון יענעם טייכל
פלעגן כאַפּן אַ פריילעכן בליק;
דאָס זשוקעלע, וואָס פלעגט פאַרבייקריכן,
פלעגט אונדז אויך ווינשן פיל גליק . . .

אַנטרונען שוין לאַנג די בת מלכה,
געבליבן איר כישוף, איר חן;
אויף חורבות פון מיינע טרוימען שלעסער,
בלייב איך ווידער פאַרצערט אַליין . . .

פאַרוואָס מאַמע

פאַרוואָס מאַמע ! האָסטו מיך געבוירן,
פאַרוואָס מאַמע האָסטו מיך געהאַט,
די מענשהייט איז אַראָפּ פון זינען
און אין אַזאַ פאַרשאָלטענער צייט.

פאַרוואָס מאַמע ! האָסטו מיך געבוירן,
וואו די מענטשהייט איז אַראָפּ פון איר וועג,
וואו מענטשן שעכטן זיך אויס ווי די רינדער
ווילן ניט לייגן דאָס שווערד אין שייד.

פאַרוואָס מאַמע ! האָסטו מיך געבוירן,
ווען דאָס לעבן האָט מער ניט קיין זין,
וואו איינער טוט דעם צווייטן פאַרצוקן
אַזוי ווי פליג — פון דער שפּין.

פאַרוואָס מאַמע ! האָסטו מיך געבוירן,
אַז די וועלט שמאַכטעט אין דער גרויסער נויט.
מיר זיינען שוין מקנא יענע
וואָס רוען אין קבר, זיינען שוין טויט.

וואו זענען יענע אויגן ?

וואו זענען יענע שיינע אויגן
וואָס זיינען הימליש רייצנדע שיין
אויגן ! וואָס בלאַנדזשען אין עלנדקייט
און זוכן אַ שטענדיקע היים.

וואו זענען יענע טיף שיינע אויגן
וואָס קוקן אַריין טיף אין יענעמס האַרץ
איך זוך אַט יענע שיינע אויגן
וואָס זאָלן פאַרשטיין ווי צו היילן מיין שמאַרץ.

וואו זענען יענע שיינע אויגן
איך בענק נאָך זייער ליבן רייצנדן בליק
אויגן וואָס קאָנען באַגליקן,
באַגליקן מיט דעם גרעסטן גליק.

וואו זענען יענע שיינע אויגן
אויגן וואָס אין חלום וועקן מיר
אויגן וואָס בלאַנדזשען ארומעט אין טרוימען
און קלאַפּן אין יעדנס האַרצן טיר.

וואו זענען יענע שיינע אויגן
וואָס קוקן מיט האָפנונג צום הימל און שטערן
אויגן וואָס ערוועקן הערצנס בענקשאַפט
מיט בענקשאַפט חלומות באַגערן.

אַט זענען די צוויי שיינע אויגן
וואָס בלאַנדזשען אַרום ביז היינט
דערקאָן מיך ! דריק מיך צו דיין האַרצן
פאַרבלייב איך דיין אייביקער פריינט.

ליבע

טיף זיינען די רוישענדע ים׳ן
וואו עס גייט ניט דורך קיין ווינט
טיפער איז ביי מענטש די ליבע,
ווייל ליבע האָט קיין ענד, קיין גרונט.

אַ ליבע ! איז אַ הויכער אידעאַל,
העכער פון הימל און שטערן,
ליבע איז אויך שטאַרקער פון אייזן,
קיינער קען זיך מיט איר ווערן.

ליבע איז זיסער פון צוקער און האָניק,
און וואָס עס איז נאָר אין זיסקייט פאַראַן.
ליבע ווערט אַ סך מאָל פאַרשיכורט,
אַן בראַנפען, און אַן ווייַן.

ליבע זיצט טיף אין האַרצן באַהאַלטן,
וואו מען דאַרף נוצן שכל און זינען.
עס האָט מער ניט יענעם געשמאַק
ווען ס׳ווערט איין מאָל צערונען.

מיין בת מלכה

שיינע, ליבע, זיסע אויגן
בלאַנדזשען אין דעם הימל רוים;
כוואָלט מיט לוסט צו זיי געפלויגן,
זיי געבראַכט צו מיר אַהיים.

אין די אויגן, דיין נשמה
לעז איך אין די אַפּלען שוואַרץ:
וואָלסט געבראַכט צו מיר נחמה,
אויסגעהיילט מיין וואונד אין האַרץ.

אויגן ווי פון אַ פּרינצעסן,
כ׳האָב נאָר איינמאָל זיי געזען:
און איך קאָן זיי ניט פאַרגעסן,
כ׳האָף נאָך ווידער זיי צו זען.

טרעף איך נאָך אַמאָל די אויגן,
ווייל מיין בענקשאַפט איז אָן שיעור,
כוואָלט צום האַרץ זיי צוגעצויגן,
ניט געלאָזט אַוועק פון מיר.

פאַר וואָס

פאַר וואָס האסטו ! דייטשלאַנד מיט דיין
הערן־פאָלק און היטלער גענגסטער פירער
געמאָרדעט, גערויבט, געפּלינדערט
מיט די געסטאַפּאַ רעקעטירער

און הרוגים פון די קברים
וויינען און רייסען איין וועלטן,
אייביק און אייביק וועלן זיי
נאָך דעם דייטשן פאָלק שעלטן.

זיי וויינען מיט קולות וואָס רייסט איין וועלטן
פון די פּריצייטיקע קברים, אייביקע געצעלטן,
דאָ רופן די נשמות, די קדושים פאַרלאַנגן,
מיט די קעפּ אויף שטרויכייטן, טויטע געהאַנגן.

צוריסענע טליתים, תפלין, פאַרמעט שטיקער תורה,
מיט די פּיס צעטראָטענע שבתים, ימים־טובים,
אַן טליתים, אַן תכריכים, טויטע באַגראָבן געשווינט
די פאַרברענטע אויף אַש צעשפּרייט מיטן ווינט.

און עס וועלן נייע ירמיהוס,
נייע איכה׳ס אָנשרייבן,
ווי זעקס מיליאָן פון אונזער פאָלק
האָט מען פאַר דער צייט פון דער וועלט געטאָן פאַרטרייבן.

און די זעקס מיליאָן אומגעקומענע קרבנות
פון די מלחמה, עקסצעסן, פּאָגראָמען כמאָרעס
וועט אפשר ברייננגן דעם אידישן פאָלק
צו אַ נייעם על נהרות.

אויף די פליגל פון אַ חלום,
מיר האָט זיך געדאַכטן

. . . ״הנאהבים והנעימים,
בחייהם ובמותם,
לא נפרדו״. . .

אויף די פליגל פון אַ חלום מיר האָט זיך געדאַכט,
איך פלי צום הימל און פאַרלאָז אָט די וועלט . . .
באַגלייט פון געזאַנגען פול כישוף און זיסקייט,
פון כאָרן מלאכים צוזאַמענגעשטעלט . . .

פלוצים אַרום זיך איך זע אַ בית עולם זיך גרינען,
עס וויינען בעראַזעס אויף מיין פרויס קבר. שטום . . .
מיט שפּרוכן פון צויבער זי גייט מיר אַנטקעגן,
זי פאַלט מיר אין אַרעמס און נעמט מיך אַרום . . .

מיט פריידיקער בענקשאַפט זי קושט מיך און צערטלט
איר הימלעשער שמייכל פאַרשווינדט אין געוויין:
אַ, זאָג מיר, מיין לעבן, באַגלייטער פון צער און פריידן,
וואָס מאַכן די קינדער, איז אַלץ ווי געווען ?

זאָג מיר מיין מאַן, דעם לויטערן אמת,
איך בעט דיך אַצינד,
צי לאָזסטו אין חדר ניט אַרויסעט
דאָרט הונגעריק דאָס קינד ?

ווייגט ביינאַכט דאָס קינד אין בעטל און רופט,
פאַרוואָס זע איך די מאַמע ניט מער,
ווייגט די מאַמע דאָ אין קבר
און שרייט, מיין קינד, איך הער, איך הער !

זאג וואס טוט מיין אַלטעטשקע מאַמע,
טוט זי מיך נאָך דערמאַנען, פון מיר דערציילן,
איז דען דאַ אַ דאָקטאָר אין דער וועלט,
וואס זאָל קענען אַ מאַמעס האַרץ היילן ?

און וואס טוען די שכנים אַלע,
די גוטע און שלעכטע,
איך האָב אַלע מאָל פאַרגעבן,
אפילו, ווען איך בין געווען די גערעכטע . . .

און וואס טוען מיינע מעשענע לייכטער,
וואס איך האָב געבענשט ליכט אין די צוויי,
צי האָסטו נאָך די בעכער,
וואס דו האָסט קידוש געמאַכט אין זיי ?

און וואס טוט עפּעס דער אַלטער בעזעם,
ער האָט אפילו גאָר קיין ווערט,
איך האָב דאָך אַזאַ הנאה געהאַט,
ווען איך האָב מיט אים דאָס הויז צו געקערט.

צי ביסטו נאָך מיין מאַן אַזוי פריילאַך ווי געווען,
און דאָס הויז האָט נאָך די פריילעכקייט ווי פריער ?
צי בליען די בלומען דאָרטן ביים פענסטער,
און צי זינגט דאָס פייגעלע יעדן מאָרגן ביי דער טיר ?

אַ, ווי קענען מיר זיין פריילאַך,
צעבראָכן איז אונזער האַרץ, צושטערט אונזער גליק !
ווייל די וואס זיינען אַוועק פון אונז,
וועלן שוין קיינמאָל מער ניט קומען צוריק.

אויף דעם טוט די קראַנקע פרוי, פאַר דעם טויט וויינען,
מער, ווי אויף אַלץ באַזונדער:
ווען די פרוי שטאַרבט, קריגט דער מאַן מאַמעס אַ סך,
יתומים אָן אַ מאַמען פאַרבלייבן נאָר די קינדער . . .

עס איז מיר דעם מאַן דעם אלמן אויך ניטאָ וואס מקנא צו זיין,
ווען דו וואָלסט נאָר געקענט זען מיט דיינע אויגן,
ווי גענעכטיקט ניט געטאָגט . . . נאָר צער און בענקשאַפט,
היינט די קינדער פון דער היים זיך צעפלויגן . . .

זי קושט מיך, און בעט מיך, נעם מיך אַהיים, אַהין צו מיינע קינדער,
ווּעסטו אויך ניט זיין עלנט, ליידן אַרמוט און נויט,
מיין ווייב, מיר זיינען דאָך היינט צוויי באַזונדערע וועלטן,
ווייל איינער טוט לעבן, און דער צווייטער איז טויט . . .

און איך האָב פון מיין ערנסטן טיפן חלום ערוואַכט,
און איך האָב דערזען:
ווי מיין קישן צעקאַפּנס איז דורך און דורך נאַס,
פון פילע טרערן און געוויין . . .

און איך האָב באַלד אויף דער מצבה געלאָזט אויפשרייבן
צום לייענען: ווער ס'וועט פאַרביי גיין אָדער פאָרן,
דאָ ליגט אַ יונגע מאַמע, וואָס איז איר געקומען צום לעבן,
נאָר זי האָט מער ניט געהאַט קיין יאָרן . . .

צו דער וועלט

אַזוי האָבן מיר די וועלט געטראָפן,
עס וועקסלן זיך די פאָרעם נור,
געבוירן, געשטאָרבן אין יאָגעניש
איז גלייך פאַר דער אייביקער נאַטור.

אַט באַטראַכט נאָר די שיינע וועלט,
זי ציט זיך אַ מיליאָניק יאָריקע קייט,
נאָר פאַר דעם מענטשן איז שוין גאָר אַ חילוק
וואָס רופט זיך לעבן און טויט.

אין די אומענדלעכע גרענעצן
וואָס דער הימל איבער אונז פאַרשפרייט,
אַלעס וואָס לעבט אין לעבעדיקייט
שפּראָצט ווי אַ בלענדער בלומען קייט.

און די וואונדערלעכע נאַטור
וואָס באַפרוכטפערט די ערד ווי אַ קוואַל
אַז אַלעס וואָס לעבט זאָל געניסן
דאָס איז דער סוד פון נאַטורס אידעאַל.

אַזוי האָבן מיר די וועלט געטראָפן
מיט איר זיסקייט, בייזעס און פיין,
און אַזוי וועלן מיר איר איבערלאָזן,
אַזוי איז זי געווען, און אַזוי וועט זי זיין.

אַ בריוועלע

דאָ שיק איך דיר אַ בריוועלע,
דאָס בריוועלע שיק איך היינט.
עס וועט אַהינצו קומען,
וואו ס׳איז מיין בעסטער פריינט.

דאָ שיק איך דיר אַ בריוועלע,
דאָס בריוועלע זאָל ניט פאַרזאַמען,
אַ בריוועלע מיט ליבשאַפט
מיט ליבשאַפט צו אַ פריינט, ווי פון אַ מאַמען.

און אַז דו וועסט עס קריגן
זאָלסטו מיר איין ענטפער שיקן
מיט פרייד וועל איך עס לייענען,
וועסט מיין האַרץ דערקוויקן.

אויב דו ליבסט מיך אַן אַ גרונט,
און ווילסט מיך גליקלעך מאַכן,
דאַן דערוועק אַ חשק דאָרט,
וואָס שטרעבט נאָך די אַלע זאַכן.

נאָר פאַרגעס ניט מיין געבעט,
פאַר דעם וואָס טוט מיך אַרן,
פון אַלע גאָלדענע גליקן ,
טאָ מאַך מיך ניט צום נאַרן.

חלומות

חלומות זיסע שײנע,
גײט ניט אַוועק פון מיר,
איך ליב אײַך חלומות,
איר זענט זיס אַן אַ שיר.

חלומות וואָס פלעכטן
בילדער אָן אַ שיר,
איך גלײַך אַט די חלומות,
כ׳בעט ! גײט ניט אַוועק פון מיר.

חלומות וואָס טוען אָנזעטן
די נשמה ווי פריער.
כ׳וויל מיט אײַך זיך ניט שײדן,
זײַט שטענדיק מיט מיר.

חלומות וואָס טוען פאַרטרײַבן,
שווערע אומעט און לײד,
כ׳ליב נאָר יענע חלומות
וואָס קוויקן דאָס האַרץ מיט פרײד.

חלומות וואָס טוען פאַרוויגן
ווי טויזענט קאַנאַריקלעך שטימען,
אַ ! ווי ס׳טוט מיר נאָך אײַך באַנק,
ווען כ׳עפן די אויגן, ווערט איר ווי טוי צערונען.

מלחמה מאַטיווז

וואו זענען יענע צייטן?

וואו זיינען יענע צייטן און יארן,
וואס דער מענטש האט ניט געדאגה׳ט, געבארגט,
ניט געפלויגן ביזן אונטערן הימל,
און אַלץ איז געווען אַמבעסטן פאַרזארגט . . .

איינפאַך געגאַנגען,
איינפאַך געשטרעבט,
רואיק געשלאָפן,
און רואיק געלעבט . . .

איז געקומען דער מענטש און אויסגערעכנט
מיט דער גרעסטער אַסאַרטאַציע,
צו פאַרניכטן מיליאָנען מענטשן
און דאָס רופט מען ציוויליזאַציע . . .

ס׳רוישן די ציוויליזירטע קאַנאַנען . . .
און שפייען אַן אויפהער מיט פייער . . .
עס פאַלן טויזנטער לעבנס אַ טאָג,
און מזאָגט, אַז דאָס איז גאַרניט טייער . . .

עס בלאָזן שרעקלעכע שטערבנדע ווינטן,
עס הולען איבער טויטע די מיקראָבן . . .
גרויסער געזעטעניש אויף די שלאַכטפעלדער . . .
פאַר טויזנטער יאָרן זיי האָבן . . .

מענטשן שטאַלצירן מיט דער ציוויליזאַציע . . .
און אויך וואָס זיי באַהערשן די נאַטור,
פעלקער קוילענען אויס איינעם דעם צווייטן,
ביז עס בלייבט פון זיי קיין לעבנס שפור . . .

און אַזוי לאַנג ווי די קאַנאָנען וועלן ניט
ווערן איבערגעשמידט אויף אַקער אייזן,
וועלן פעלקער איינער דעם צווייטן פאַרניכטן,
איידער געדעכטיקייט וועט זיך באַווייזן . . .

און די מענטשהייט וואַרט אויף יענעם געבורט,
אַ וואָרט, וואָס וועט זיין צום מענטשן גאָר ניי,
דאַן וועט מען טון אויף דער היינטיקער ציוויליזאַציע
מיט פאַראַכטונג אין איר פּנים אַ שפּיי . . .

דאָס געטאָ ליד

(קאָנצענטראַציע לאַגער)

פון מלחמה פייער
מיין היים פאַרברענט,
פאַרטריבן אין געטא
וויין איך אונטער ווענט.

ווען איך זאָל וויסן
וואו צו געפינען אים,
וואָלט איך געפלויגן
וואָס גיכער אַהין.

איך וואָלט אים אַרומנעמען
און דריקן צו זיך,
פון דער געטא אַנטלאָפן,
אין אַ פרייע וועלט גאָר גיך.

זינגען די פייגעלעך
פון פרייע לענדער שיין
וועקן און רייצן
בענקשאַפט געוויין.

צווישן געטאָ מויערן
איך קוק זיך אַרום,
און כ׳ווער דאָרט פאַרוויאַנעט,
ווי אַן וואַסער אַ בלום.

דעם זעלנערס ליד

זייט געזעגנט שוועסטער, ברידער,
זיי געזעגנט, ליבע היים!
איך גיי צום פראָנט אָוועק איצט ווייט,
קעגן שונא מוז איך גיין!

זייט געזעגנט פריינט געליבטע,
טוט אַמאָל פון מיר אַ טראַכט:
ווען אין שלאַכטפעלד קנאַלן טאַנקן,
אַלץ פאַרוויסט, ווערט אומגעבראַכט . . .

זיי געגריסט דו, שטעטל מיינע,
מיין פרייד פון קינדער יאָרן!
ס׳וויל דער שונא דיך צעשטערן,
מיט זיין פייער און זיין צאָרן.

ס׳ברענט אַ וועלט, מלחמה פייער,
אין הונגער, טויט, אַלץ קומט אום . . .
כ׳וועל מיט ביקס דעם ווילדן שונא,
ווייט פאַרטרייבן פון אומעטום.

זיי געזעגנט היים, דו מיינע,
וואו אַלץ איז ליבלעך אַזוי שיין,
אַך, ווי עס ווילט זיך נאָך אַהיים קומען,
אַ באַפרייטע וועלט צו זען.

פליטים

דאַרטן אויף דעם ים וויגט זיך אַ שיף,
מיט די פּאַסאַזשירן צוזאַמען,
פּליטים וואָס טרונקן זיך אין בלוט
אין די שטורעמדיק יאוש ים׳ן.

ווי, ווי ווייט איז נאָך די נסיעה,
ווי ווייט לאַנג וועלן מיר נאָך שוואומען,
וואו, וואו איז יענע געבענטשטע לאַנד,
ווען וועלן מיר אַהין אָנקומען ?

אַ שטעטל פון ווייטן זע איך דאַרט,
איך בעט און פאַל דיר צו דיינע פיס
ערוועק אַ פריידי טיף אין האַרצן דאַרט
דעם וועג פון הילף פאַר מיר ניט פאַרשליס.

פאַרטריבן פון אַ היימאַט דאַרטן
וואו מיין פאָטער ז׳געווען פאַרטראַטן,
אַט זע איך אַ גאָלדן לאַנד פאַר מיר,
נאָר פאַר דעם איך איז עס פאַרבאָטן.

כ׳האָב אַלע ים׳ן דורכגערייזט
און פאַראַקערט מיט בלוט און געוויין,
געבענשט זאָלסטו, אַמעריקע, זיין,
האָסט פאַר מיר געמאַכט מיין נייע היים.

היים, אַ היים!

היימעניו, היימעניו, זיי מיר געזעגנט,
און דו, זיסע ליבסטע, דו מיין,
זיי מיר געזעגנט אין פריידיקע טרערן,
צוזאַמען מיר קאָנען נישט זיין . . .

היימעניו, היימעניו, ליבסטע און נאָנטע,
איך טו וועגן אייך נאָך אַ טראַכט:
געלעבט צווישן אייך, און אַסך גאָר געליטן,
דאָך ליב, אַזוי האַרציק פאַרבראַכט . . .

זיי מיר געזעגנט, דו שטיבעלע מיינס,
פון קינדערשע יאָרן און טעג,
וואו פריידיקע האָפנונג און יוגנט חלומות,
זיינען שנעל מיטן רויך אַוועק . . .

און שטענדיק וועט בלייבן מיר אין זכרון
אַלץ, וואָס ס׳איז ליב אָן אַ צאָל,
ביז אַ צענאַגטער פון היימוויי
כ׳וועל קומען צוריק נאָך אַמאָל.

אונזערע העלדן

זיי געזונט היים — טאַטע, מאַמע מיינע !
זייט געזונט פריינט — ברידער, שוועסטער צוויי.
די פליכט פון לאַנד רופט יעצט דינען
אין דער אַמעריקאַנער יו. עס. אַרמיי.

און ווען איך טו דאַס הויז פאַרלאַזן,
גיט מיר מיט אין וועג אייער ברכה,
ווי קוילן פייער אַרום פאַלן,
וועט אייער וואונטש טאָן אויף מיר השגחה.

און ווען מיין פריינט וועט אייך אַנזאָגן
פון קוילן וואונדן לעב איך ניט מער,
דאַן איז פון מיר צו אייך מיין בקשה,
מיט ליבשאַפט דערמאַנט מיך אַן אַ טרער.

און טיף אין האַרצן באַהאַלט דעם ווייטיק
צווישן די לעבעדיקע מיר נישט זוכט,
מיין יונג לעבן אַוועק געגעבן,
פאַר מיין ליבעס לאַנד מיט איר פליכט.

און זאָל מיין וואַרט ווי טויזנט פידלען,
טיף אין האַרצן אייער שמערץ היילן
און מיט שטאָלץ איבערן גאַנצן לאַנד,
טוט מען פון די העלדן דערציילן.

טאַ זייט געטרייסט, איר טאַטע ! מאַמע !
פאַר אייער קינדס נאָמען און שיינעם טאַט,
אייביק וועט מען אייערע זין דערמאַנען,
געקעמפט ! געפאַלן העלדיש אייער זון דער סאָלדאַט.

כ'בין אַ סאָלדאַט

איך בין אַ סאָלדאַט אַ פּשוטער,
און הייס מיטן נאָמען מענדל.
און אַט האָב איך זיך דערדינט
אויף רייטער און טראָג שוין אַ בענדל.

און איך באַמי זיך אויף דער דינסט,
און טויג זיך אויס איבעראַל.
אַט טראָג איך שוין צוויי בענדלעך,
און מע רופט מיך שוין קאַרפּאַראַל.

און אַלע סאָלדאַטן, חברים מיינע
זענען אייפּערזיכטיק אויף מיר.
אַט טראָג איך שוין דריי בענדלעך
און בין סטאַרשע אונטער אַפיציר.

נאָר גאָט האָט מיר דאָ געהאָלפן
אַז אויף דער דינסט האָב איך גליק.
יאָ! יאָ, יאָ גיך זיך דערהויבן
און בין שוין יעצט אַ פּראַפּאַרשציק.

יאָ, יאָ ! מע דאַרף נאָר שכל האָבן,
און ניט זיין קיין פּראָסטער איוואַן.
כ'קאָמאַנדיר יעצט אַ ראָטע סאָלדאַטן,
און בין אַ העלדישער קאַפּיטאַן.

און פון באטאליאנער ווער איך
אויף פּאָלקאָווניק, סע איז וואָר.
אָט שפּאַציר איך מיט רויטע לאצן
דערהויבן געוואָרן צו גענעראַל מאַיאָר.

פּאָראויס פיר איך אַרטילערי,
ס'קומט נאָך גראַנאַדיער און אולאַנען,
און איך טראָג זיך, העלדיש פּאָרויס
מיט מיינע טאַנקען און עראָפּלאַנען.

און מיט מיין אַרמע, מיין ציל דערגרייכט,
און דערשלאָגן היטלערס באַנדע מאַשין.
און צוזאַמען מיט אַלע פעלקער יובעלט
מענדעל מיט זיין אַרמע אין דער שטאָט בערלין.

היין און צוריק
(צום שלאַכטפעלד אַ בריוו)

אַ בריוועלע געשריבן
האָט אַ מאַמע אַצינד
כ׳שיק עס צום שלאַכטפעלד,
צו דיר, מיין טייער קינד.
מיט טרערן אין די אויגן
פון בענקשאַפט בין איך מאַט,
ערגעץ צום שלאַכטפעלד
צו מיין זון, דעם סאָלדאַט.

ענטפער

דאַ שרייב איך דיר, מאַמע
איין ענטפער אויף דיין בריף,
אַז אַלע בענקען נאָך מיר,
דאָס האָב איך דעם באַגריף.
ווער האָט אויף דעם שלאַכטפעלד
צייט דענקן און קלערן,
ווער פילט אונזער בענקשאַפט
און ווער זעט אונזערע טרערן ?

וואָרום שרייבט איר מיר ניט אַלע —
האָט איר דען מער ניט דאָרט קיין צייט ?
בעגרייפט איר וואָס מיינט אַ בריוועלע
אויף דעם שלאַכט פעלד פאַר דעם סאָלדאַט ?
טאָ וויש אָפּ די טרער פון דיין אויג
מאַמע ! פאַרברייט מיין צימער גוט.
כ׳וויל צוריק מיט חשק לערנען
ביי דעם שראַנק ספרים וואו די שכינה רוט.

דאָנער קאָזאַקן

שטיל רואיק האָט געלעבט רוסלאַנד
ביי אירע גרענעצן וואָס זענען פאַראַן.
נאָר אָט איז דייטשלאַנד איר באַפאַלן
רויבן, מאָרדן, ווי אַ בלוטיקער טיראַן.

און אָט יאָגט ער, מאָרדעט, שעכט ער
אַזוי ווייט ווי סטאַלינגראַד ביז אַהין,
אַזוי האָט היטלער פּעינטער באַשלאָסן
מיט זיינע גענגסטער אין דער שטאָט בערלין.

נאָר אָט טרייבן זיך טויזנטער טאַנקען
איבער דער טיפן ווייסן שניי,
אַרויסטרייבן דעם דייטש מערדער
פון באַליבטן לאַנד ראָסעי.

שטייט אויף, איר דאָנער קאָזאַקן,
זאָל ערוואַכן אייער בייזער צאָרן,
אויסראָטן, פאַרניכטן די האָרדעס,
צוזאַמען מיט די היטלערס דאָרן.

נאָר אָט קומען די דאָנער קאָזאַקן
וואָס טראָגן זיך ווי אַ וויכער,
מיט די שפּיזן אין שונא׳ס רוקן
טרייבט מען דעם שונא צוריק אַלץ גיכער.

שנעל שמייסן זיי מיט די נאַגאַיקעס,
שטעכן מיט לאַנגן שפּיז און שווערד,
עס זאָל פון דייטש קיין זכר בלייבן,
צווישן מענטש אויף גאָט׳ס ערד.

און אַט טרייבט זיך די רויטע אַרמיי
איבער דייטשלאַנדס יעדע היים
און אַט ברענט דרעזדען, לייפּציק,
אויך טרייבט מען דעם דייטש פון עלזאַס לאָרייז.

און פון סטאַלינגראַד, ראָסטאָוו, בריאַנסק,
מאָסקווע, כאַרקאָוו, קיעוו און כאַטין,
אַלע נאָך דייטשלאַנד צוזאַמען,
נקמה נעמען פאַר אונזערע טעכטער און זין.

נאָך אַט טרייבט זיך די רויטע אַרמיי,
מיט די דאנער קאַזאַקן בראַווע זין,
ציט די רויטע פאַן מיט סערפּ און האַמער
אויף דער דייטשער הויפּשטאָט בערלין.

לידער מיט מוזיק

WORDS AND MUSIC

By

J. ARONOFF

LT. S. ARONOFF

כל נדרי אויפן שלאַכט פעלד

(געווידמעט מיין ליבן זון ליוטענאַנט סאול אַראַנאָף
אין דער יו. עס. אַרמיי, פאַרוואונדעט געוואָרן ערב
כל נדרי, ערגעץ אין האָלאַנד, 1944).

ערב יום כיפור גאַנץ ווייט,
ערגעץ אויף דעם שלאַכט פעלד,
פון צווייגן אַן עמוד דאָ
גיך צוזאַמענגעשטעלט ,
עס טראָגט זיך פאַרוויסטונג,
קוילן פייער אָן אַ שיעור,
צו כל נדרי, סאָלדאַטן,
מיט טרערן זאָגן מיר

ר ע פ ר י י ן :
כל נדרי, ואסרי, ושכועי,
וחרמי, וקונמי, וקנסי, וכנויי.

דאָרטן, אין שטאָט מאָנטרעאַל,
ערגעץ אין אַ זייט שטיל,
וויינט צו כל נדרי ביטער,
אַט דער טאַטע דאָרט אין שוהל.
באַשיץ מיין קינד פון פייער,
דאָרט אויף דעם שלאַכט פעלד.
ברענג אים צוריק אַהיים
צו זיין טאַטנס געצעלט.

ר ע פ ר י י ן :

פאַרוואונדעט צו כל נדרי,
דאָ אויף דעם שלאַכט פעלד,
פאַר מיין ליבעס לאַנד און ערע,
איז דיין שיינער זון דער העלד,
פון קוילן פאַרוואונדעט שווער,
מיט פיין און שמערצן אַן אַ שיעור,
מיט האָפנונג כל נדרי צו זאָגן
אין מיין ליבער היים ווי פריער.

ר ע פ ר י י ן :

כָּל נִדְרֵי

Kol Nidrei



ערוואַך

1

שטיי אויף און ערוואַך,
נעם די ביקס אין דער האַנט,
באַפאַלן איז דער שונא
דיין היים און דיין לאַנד.
טרייב אים אויף צוריק
רינעז זאָל זיין בלוט,
מאַך אים צו שפּאָט
און צו שאַנד

2

פאַרגלוסט האָט זיך אים
צו באַרויבן דיין היים,
דיין לאַנד, דיין כבוד,
דיין איך, און ערע.
פאַרטרייב אים אין זיין לאַנד
מאַך פון אים שטויב און זאַמד
עס זאָל זיין פאַר אים אַ לערע.

3

גאָט, שיק אונז נצחון
פון אַלדאָס בייז באַהיט,
אויף דעם ים און יבשה,
ווי דער עראָפּלאַן וואָס פליט,
צווישן בערג און טאָלן
און די שיפן אויפן ים,
הינטער הויכע הימלען
וואו ס׳פליט דער עראָפּלאַן.

4

די מלחמה איז אַ שרעקלעכע,
עס רינען טייכן בלוט,
איר סאָלדאַטן אין געשלאָסענע רייען,
קעמפט מיט לייבן־מוט,
מאַכט דעם שונא׳ס לעבן הפקר,
מאַכט זיין לעבן מיאוס
אַז שלום זאָל ער בעטן
און אונז פאַלן צו די פיס.

5

געבענטשט איז דאָס לאַנד
וואָס האָט ניט געהויבן די האַנט
אַנטקעגן דער פרייער אַמעריקאַ,
ביי פרידענס טיש אויבן אָן,
פלאַטערט אַמעריקאַס פאָן
מיט זיג און כבוד און עהרע.
דייטשלאַנד דערשלאָגן און פאַרשמאַכט
פון דער גאַנצער וועלט אויסגעלאַכט,
דאָס וועט זיין פאַר איר אַ לערע.


sf
sweet, ah - - A-ttack, Force him back! Let him know de-feat,
sf
Hit-ler's death will make our vict'ry sweet! A-ttack! Force him back!
Let him know de-feat, Hit-ler's death will make our vict'ry sweet! ah - - A
sf
-ttack! Force him back, Let him know de-feat, Hit-lers death will make our vict'ry sweet.

Arise by J. Aronoff



ARISE

1

Arise! Oh, arise!
Take your gun in your hand!
The enemy has struck his blow
At our native land.
Attack! Force him back!
Let him know defeat.
Hitler's death will make our
Victory sweet!

2

He lusted for glory.
For pow'r o'er the world.
His scheme—o'er our heritage
His filthy flag unfurl'd.
Trample out the lust,
That dwells in his soul.
Beat him to the dust.
This! our flaming goal.

3

O, pray night and day
To the Lord for the right.
Pray and remember why we must fight
Why we must fight.
Above all—know why
While our planes fly low
Twixt hill and dale, our
Ships are sailing high!

4

This is total War.
Blood flows in every street.
We must strike and strike
'Till we hear each goose-step retreat.
Remember Bizerte,
And Corregidor.
Don't forget Bataan
Midst the cannon's roar.

5

God bless our friends when
We gather to make peace.
The enemies shall be shackled,
Beaten to their knees.
The Flame of Freedom in America
Our heritage will never, never die.
Hidden underground, boldly from roof tops
Our flag will always fly!

„הנני„ כ׳בעט

אי הנני העני ממעש, אי נרעש

אי נרעש ונפחד מפחד.
יושב תהלות ישראל.
אַ אַ אַ אַ אַ ישראל,
אַי ישראל.

כ׳בעט פאַר מיין פאָלק,
גאָט העלף זיי ווי אַמאָל.
אין טייכן בלוט און טרערן
טרינקט זיך דיין פאָלק ישראל.

שיק אונז הילף מיט פרייד,
און פאַרמייד די לייד,
ווייל פון טרערן מיד
איז דאָך שוין דער איד.

נאָר געטריבן און געיאָגט
וואו געשעכטיקט, ניט געטאָגט,
אָן אַ היים, אָן אַ דאַך,
דאָ ניט ווייז, און דאָ ניט לאַך.

אָן אַ גואל
און אָן אַ פריינט,
וואָס האָט קיין מאָרגן
און אויך קיין היינט.

שיק אונז הילף און פרייד
און פאַרמייד די לייד.
אונזער לעבן באַניי,
ונא אל תפשיעם בחטאתי.


Rec.
Oi hi-n-ni hei-hu-nimi-ma-a-s, oi nirash oi
nirash oi nirash v, nifchad mipa-chad oi yoishev t, hilois
Yisroeil oi-Eil ah ah
Yisro Eil oi Yisro Eil


On a goi-Eil un On a fraint Wos hot Kain morgn un ohn Kain haint
shik unz hilf un freid un far-maid di laid un-zer le-bn banai-
-no al raf shi-ei-nu, cha-roi-sai


ch, bet far main folk, got helf zei wi- a-mol un taichn blut un,
Tre-rn Trinkt sich dain folk is- rol. Shik unz hilf mit Freid un far maid di laid,
Wail fun trern mid, is doch shoin der yid nor ge tribn un geyogt wu ge- nechtikt
nit getogt On a heim un a dach do nit vein un do nit lach,

צווישן הימל און ערד

1

צווישן הימל און ערד
איז אַ וועלט פאַראַן.
זי וויגט זיך אין סודות
ביז זי שלאָפט איין.

זי וויגט זיך אין סודות,
ביז זי שלאָפט איין,
ביז זי שלאָפט איין,
ביז זי שלאָפט איין,

ווען ערוואַכן זי וועט,
וועט דאַן ליכטיק זיין,
וועט דאַן ליכטיק זיין,
יאָ יאָ יאָ זיין,
יאָ יאָ יאָ זיין,

2

צווישן טאָג און נאַכט
איז ליכט און פינסטערניש פאַראַן,
זיי וויגן זיך כסדר,
ביז זיי שלאָפן איין.
זיי וויגן זיך כסדר,

יאָ יאָ יאָ זיין,
יאָ יאָ יאָ זיין,
וועט דאַן ליכטיק זיין,
וועט דאַן ליכטיק זיין,
פינסטערניש וועט פאַרשווינדן,

ביז זיי שלאָפן איין,
ביז זיי שלאָפן איין,
ביז זיי שלאָפן איין,

3

צווישן אָרעם און רייך,
איז אַ חלוק פֿאַראַן — איז אַ חלוק פֿאַראַן,
איינער באָדט זיך אין לוקסוס,
דער צווייטער אין פּיין.

זיי וויגן זיך צוזאַמען,
ביז זיי שלאָפֿן איין,
ביז זיי שלאָפֿן איין,
ביז זיי שלאָפֿן איין,

גערעכטיקייט וועט קומען,
וועט אַלעמען גוט זיין,
וועט אַלעמען גוט זיין,
יאָ יאָ יאָ זיין,
יאָ יאָ יאָ זיין,

4

צווישן אמת און שקר,
איז אַ שטן פֿאַראַן,
ער וויגט זיי איין ביידן,
ביז זיי שלאָפֿן איין.

ער וויגט זיי איין ביידן,
ביז זיי שלאָפֿן איין,
ביז זיי שלאָפֿן איין,
ביז זיי שלאָפֿן איין,

פֿאַרשווינדן וועט דער שטן,
וועט אויף דער וועלט שלום זיין,
וועט אויף דער וועלט שלום זיין,
יאָ יאָ יאָ יאָ ניט זיין,
יאָ יאָ יאָ יאָ ניט זיין,

וועט מער קיין מלחמות ניט זיין.


pp
ain Biz zi - shloft ain Biz zi - shlofn
ain Er-wa-chn zi-wet, wet dan lichtig
zain Er-wa-ch zi wet wet dan lichtig zain
yo zo zain,


Moderato Expr.
Joseph Aronoff
Tzvi-sh'n Hi-ml un Erd, is a
welt far-ran;
isa wel-t fa-ra-nen zi
-wigt zich in soi-des bis zi-shloft

מיין האַרץ וויל ניט רוען

אַ, מיין האַרץ וויל ניט רוען,
ס׳איז שוין שפּעט נאָך האַלבער נאַכט,
אַ ! נאַר איך ליג אויף מיין געלעגער,
מיט מיינע געדאַנקען פיל פאַרטראַכט.

כ א ר . . .

דאָ איז אַ האַרץ,
וואָס האָט געטאַן ליבן,
דאָ איז אַ האַרץ,
מען האָט עס באַטריבן.
דאָ איז אַ האַרץ,
פון שמערצן און דענקען,
דאָ איז אַ האַרץ,
נאָך אַ פריינט טוט עס בענקען.

אַ ! נאַר איך ליג און טראַכט וועגן דיר,
וואָס איז אויף מיר אַזאַ שטראָף ?
זינט דו האָסט מיך פאַרלאָזט,
איז אַוועק מיר דער שלאָף.

כ א ר . . .

אַ ! מיין טייער שיין לעבן,
וואָס האָסטו פון מיר געמאַכט ?
אַ ! דיינע צוויי ליבע, שיינע אויגן,
זיי קומען מיר צו חלום יעדע נאַכט.

כ א ר . . .

אַ ! וויפיל טרערן האָסטו פאַרגאָסן
איידער האָסט געפועלט דאָס וואָרט „איך האָב דיך ליב״,
כ׳וועל זיך מיט דיר קיינמאָל ניט שיידן,
ביז אין דעם טאָג פון מיין גרוב.

כ א ר . . .

MY HEART DOES NOT REST

Oh! my heart does not rest,
It is late, far past midnight,
Oh! I am still awake on my bed
With my thoughts and musings.

Chorus:

That is a heart
That has felt love.
That is a heart
It has been betrayed.

That is a heart
Of suffering and thinking.
That is a heart
For a friend it is lonesome.

Oh! All I do is lie and think of you.
Why am I so punished
Since you have stopped coming to me,
To my eyes there comes no sleep.

Chorus:

Oh, my dear, my beautiful love,
What have you done to me?
Your two dear beautiful eyes —
They are in my dreams each night.

Chorus:

Oh, how many tears have you shed
Before you won the words that I love you.
I will from you never separate
Until the day I go to my grave.

Chorus:


hartz vos hot getton lie ben dus is a hartz nem hot as bet rigen Dos is a
hartz fun shmertz un Dan Ken Dos is a hartz nach a freind tut es banken
Fine

ANDANTINO. Main HARTZ VIL NIT RUHEN (MY HEARTS WILL NOT REST.) by J. ARONOFF J.P.



גיב מיר דיין האַנט . . .

פאַר ווען עס איז ליכטיק די נאַכט,
פאַר מיר איז גאַר פינסטער דער טאָג . . .
ווער פילט דען די ליידן פון ליבע,
וואָס טיף אין מיין האַרצן איך טראָג ? . . .

ר ע פ ר י י ן :

גיב מיר דיין האַנט,
און נעם מיך אַרום —
פאַרבלייב איך דיין פריינט,
וואָס גיכער, אָ, קום !
קוש מיך מיט פרייד,
דריק מיך צו דיין האַרץ,
דאַן וועט פאַרשווינדן
מיין בענקשאַפט און שמערץ . . .

פאַר ווען עס שיינט די לבנה,
פאַר מיר איז גאַר פינסטער די זון . . .
אַ ליבע געטוליעט פול כישוף,
יעצט בלייבט עס אַ חלום דערפון . . .

ר ע פ ר י י ן :
גיב מיר דיין האַנט . . .

פאַר ווען די וועלט איז אַ גן עדן,
פאַר מיר איז עס אַ פינסטערער גרוב . . .
ווי קאַן איך פון דיר זיך אָפשיידן,
אַז כ'האָב דיך אַזוי האַרציק ליב . . .

ר ע פ ר י י ן :
גיב מיר דיין האַנט . . .

GIVE ME YOUR HAND

Oh, some find the night full of brightness,
I find the day shrouded in gloom,
Oh, who can feel Love's bitter sorrow,
Which is locked in my heart's dark room?

Chorus:

Give me your hand
And kiss me, dear one,
Please be my own.
Come quickly, Oh, Come!
Kiss me with joy —
Oh, hold me, my sweet,
Then hurt will vanish
With sorrow so fleet.

In its splendour the Moon shines for some,
For me the Sun is dark with clouds,
Oh, Love that embraced beauty and charm —
All that's left — a dream disendowed.

Chorus:

My life is a solitary grave,
Though some find in Life paradise,
We cannot — we will not be parted.
Our love from its ashes will rise.

Chorus:


Chorus
Gib mir dein hand
Kish mich mit freid
drück mich zu dein Herz dan wird verschwinden
schmerz

music arranged by DR. L. GERSCOVITCH. GIB mir deine hand Words and Music by J. ARONOFF, J.P.



דאס בילד פון מיין היים!

words by J. Aronoff.
music by D. Fratz.



דאָס בילד פֿון מיין היים

דאָס בילד פון מיין היים,
טו איך געדענקן,
און דערפאַר טו איך נאָך איר
אַזוי פיל בענקן.

אוי, ווען מיינע הענט
וואָלטן פליגלען געווען,
וואָלט איך געפלויגן
אַט צו יענער היים.

כ׳וואָלט זי אומארמען
האַלדזן און קישן,
און מיט טרערן פאַר פרייד,
יאָ ! פיל באַגיסן.

דאָן וואָלט דער מארד ביט דארן,
און טריקענען פון דענקען
און דאָס האַרץ וואָלט נישט צעגיין
פון צופיל בענקן.

ר ע פ ר י י ן :

אייביקע טרערן,
בענקענדער גליק,
אַך ווי עס גלוסט זיך
צו זעהן אייך צוריק.

בענקענדע טרערן,
בענקענדער פּיין.
זאָגט מיר ווען וועל איך
צוריק אין מיין היים זיין.
(צוויי מאָל)

דאָס שטעטעלע פון מיין ליב היים,
טו איך געדענקען,
און נאָך די שמאָלע
געסעלעך טו איך בענקען.

די קרומענקע געסעלעך
און בלאָטיקע אויך,
הויקערלעך קוימענדלעך
מיט זייער אָרעמען רויך.

און דאָס ענגע חדר׳ל
וואָס איך געדענק און ווייס
געלערנט מיט די קינדערלעך
דאָרט דעם אלף בית.

און די מאַמע אין פרייטיק,
זי געבענשט ליכט אַזוי שיין.
אַך ! ווי עס בענקט זיך,
נאָך יענער זיסער היים.

ר ע פ ר י י ן :

אויסגעוויגט די קינדער

אַ, שלאָף קינדעניו איין,
אַ קינד איז גוט צו זיין,
טו דיינע אויגעלעך פאַרמאַכן,
ווערט פול דאָס קינד מיט פרייד,
און וויים ניט פון קיין לייד,
מיט דער מאַמען נאָר שטיפן און צו לאַכן.

ר ע פ ר י י ן :

איי ליו ליו,
אויסגעוויגט די קינדערלעך,
אַזוי גוט און פיין.
אַ מאַמע אויף דער עלטער,
האָט נישט וואו צו זיין,

זי בלאָנדזשעט אין די גאַסן,
דאָס האַרץ טוט איר צוגיין,
זי בעט, נעמט מיך אין מושב זקנים,
וועל איך האָבן דאָרט אַ היים,
וועל איך האָבן דאָרט אַ היים.

אויסגעוויגט די קינדער
אַ יעדערן באַזונדער
אַליין ניט דערשלאָפן און ניט דערעסן,
חתונה געמאַכט זיי גרויס,
וואַרפט מען דער מאַמען אַרויס,
און מען טוט זי גאָר פאַרגעסן.

ר ע פ ר י י ן :

פאַרוואָס קינדער שיינע,
האָט איר מיך ניט פאַרלאָזט קליינע,
ווען איך האָב ניט דערטרונקן און ניט דערעסן ?
מיט שמערצן אייך דערצויגן,
ווי פייגעלעך זענט איר זיך צעפלויגן,
און טוט אין דער מאַמען פאַרגעסן.

ר ע פ ר י י ן :

גייט די קינדער גוט און פיין,
קאָן די מאַמע דאַרט ניט זיין.
גאָטעניו ! זאָלסט זיי נאָר ניט שטראָפן,
אַ מאַמע קראַנק און אַלט,
בעט, נעמט מיך אין אַנשטאַלט,
ווײַל איך האָבן ערגעץ וואו צו שלאָפן.

ר ע פ ר י י ן :

OISGEVIKT DI KINDER

Oh sbhlof kindenu ein,
A kind is git tsi zine,
Ti dina aigelach fermachen,
Fill dos kind mit fraid,
Vast nit fin kine laid,
Mit der mamen nor shtifen en lachen.

Oisgevikt di kinder,
A yederen bazinder,
Alain nit der shlofen nit der essen,
Chassane gemacht zai grois
Varft men der mamen arois,
In men tit vegen ir fargessen.

Varum kinder shana,
Hat ir mich nit farlost klaina,
Ven ich hab nit dertrinken en nit deresen?
Mit shmertsen eich dertsagen,
Vi fagelach zent ir zich tsifloigen,
In tit in der mamen fargessen.

Gay di kinder git en fine
Ken di mame dort nit zine,
Gotenu, zolst za nor nit shtrofen,
A mame crank in alt,
Bet, nempt mich in einshtalt,


CHORUS
VOICE


ANDANTE.
MUSIC ARRANGED by MAX POLACOFF
CRADLE LULLABY
WORDS & Music by ... AKONOFF J.P.
shlof Kind-e-nu ein a Kind es git zu sein ti Kleine- eige leichten ma-
chen - fil dos Kind mit Freid Veist nit fun Kein Leid mit der
Mamen zu ohtsfein un zu la chen Fil dos Kind mit Freid

אמר רבי אליעזר

אמר רבי אליעזר,
אמר רבי חנינא,
תלמידי חכמים,
תלמידי תלמידי חכמים.
אַזוי האָבן אונזערע חכמים געזאָגט,
וואָס איז דאָס פאַר אַ צייטן,
וואָס דער איד שעמט זיך מיט זיין נאָמען איד
און טוט אים אויף גויִש פאַרבייטן ?

פרץ ! ריפט מען פעטראָ
און הערשל, פאַרבייטן זיי אויף הריצקאָ
און וועלוול ! רופן זיי איוואַן
און שמחה פאַרבייטן זיי אויף סטעפּאַן,
און גדליה ! רופט מען דאַנילע,
און גרשן רחמנא לצלן,
פאַרבייטן זיי אויף האַורילע.

ביי אונז הייסט מען פראָסט,

שמערל בערל,
טרייטל פייטל,
טאָדרעש ברוך,
אָדער שמענדריק זרח.

ר ע פ ר י י ן :

אַפּיקורסימלאַך געדענקט,
סע וועט אייך גאָר ניט זיין געשענקט.
אַי, יאַ יאַ יאַ געדענקט,
ס'וועט אייך ניט זיין געשענקט

אמר רבי אליעזר,
אמר רבי חנינא,
תלמידי חכמים,
תלמידי תלמידי חכמים.
אַזוי האָבן אונזערע חכמים געזאָגט,
וואָס איז דאָס פּאַר אַ צייטן,
אַז די פּרויען טוען נאָך זייערע מענער
און טוען זייערע נעמען אויך פאַרבייטן?

פעסל, רופט מען פאראסקע,
און טעמע הייסט ביי זיי טראסקע,
און די אַלטע געזעלא
רופט מען די אינגע מאַדמאַזעלא,
און מרים, רופן זיי מאַריאַנע.

און פייגל, רחמנא לצלן,
פאַרבייטן אויף פראַנציסקאנע,
ביי אונז הייסט מען פראַסט,

הינדל מינדל,
טראַנע בראַנע,
כאשע דוואשע,
יאַכנע סאַסע,

ר ע פ ר י י ן:


Oi Perez ruft men Petro
un Velvel rufn zei I-van.
chorus

Omar Rabbi Elozor





NO. 3A-12

MUSICA ENRG. — ALBERT PELLETIER
1211 OUEST, STE-CATHERINE — MONTRÉAL

Umipne chatoenu.

by J. Aronoff



ומפני חטאינו

ומפני חטאינו גלינו, — מארצנו
ונתרחקנו מעל, מעל אדמתנו !
מעל, מעל אדמתנו,
מעל אדמתנו.

פֿאַרטריבן פֿון זיין לאַנד,
גאָר אָן אַ שום זינד,
דער טויזנט יאָרענדיקער גלות לאַנג,
טייכן בלוט פֿון אונז סרינט.

די טויזנט בלבולים,
פֿאַר דעם ווערט דער איד געיאָגט,
מיט דעם וואַנדער שטעקן אין האַנט,
וויינט דער איד און זאָגט:

כאָר: ומפני חטאינו א. א. וו.

דער טויזנט יאָרענדיקער גלות,
האָט אונז צוגעשמידט,
פֿון אַלע עקען וועלט,
אַט דעם וואַנדער איד.

ער וואַרט אויף זיין דערלייזונג,
דעם שווערן יאָך ער טראָגט,
פֿאַר אַ באַפֿרייטן מאָרגן,
מיט געוויין דער איד ער זאָגט:

כאָר: ומפני חטאינו א. א. וו.

בין געווען אַ גביר

אַמאָל בין איך געווען אַ גרויסער גביר,
היינט שטאַרב איך פאַר הונגער שיר.
גוואַלט ברידער, ברידער, ברידער גיט מיר אַ ראַט,
ווי אַזוי זאָל איך קומען צו מיין פריערדיקער צייט.

כ אָ ר :

שפּילט, שפּילט, קלעזמער
שפּילט ווי אייך געפעלט,
דער מאַרך האָט אויסגעטריקנט,
און דאָס האַרץ האָט אויסגעברענט.

אין ניו יאָרק האָב איך געהאַט זייער פיל גליק,
אויף בראָדוויי איז געווען מיין גרויסע פאַבריק,
און מיין הויז האָט געשפּיגלט גאָלד אַ פּראַכט,
כ׳וועל אַלץ אָנווערן, האָב איך גאָרניט געטראַכט.

כ אָ ר . . .

אין סאָסייטע האָט מען פאַר מיר געשטעלט אַשטול,
אין מזרח וואַנט האָב איך געדאַוונט אין שוהל,
ביי יעדן מענטשן האָב איך געהאַט אַ ווערט,
עלנד בלאָנקע איך אַרום, נישט דערזען און נישט דערהערט.

כ אָ ר . . .

היינט שטיי איך אין שול ווי אַ בעטלער ביי דער טיר,
אַלע גראָבע יונגען רייצן זיך מיט מיר.
ביי יעדן מענטשן ווער באַטראַכט,
פון יעדן מענטשן ווער איך אויסגעלאַכט.

כ אָ ר . . .

כ׳בין געווען רייך, געטיילט צדקה אַ סאַך,
יעצט שטיי איך און בעט אַ נדבה ביי אייך.
ווי זענט איר אַהינגעקומען אַלע באַזונער,
האָט איר קיין געלט, האָט איר קיין פריינט, קיין קינדער ?

כ אָ ר . . .

היימוויי — איך בין קיינעמס

1

שטיל אַ בענקשאַפט איז מיר פלאַטערט,
אַ שטילער היימוויי אַז אַ פריינט,
ווי אַ פויגל וואָס בלאָנדזשעט ערגעץ,
אַז אַ מאָרגן און אַז אַ היינט.

קאָרוס...

ניט איך בעטל, ניט איך וויין,
איך בין קיינעמס, איך בין קיינעמס.
קיינער מיינער, קיינער מיינער.
מיין פריינט איז מיר דער ווינט און נאַכט.

2

דריקט דער יאוש, שרעקט דער אומרו,
ווי געשפענסט נאָך האַלבער נאַכט;
אויסגעשפּילט דעם לעצטן ניגון,
און קיין אויסוועג נישט דערטראַכט.

קאָרוס...

3

וואָרגט אַ לעצטער ווי אין האַרצן,
און עס מאַנט, ווי לאָזט צו,
דעם לעצטן בלאַט פון צווייגל פאַלן,
נישט אומקערן מיר די רו?

קאָרוס...

4

און ביינאַכט אויף מיין געלעגער,
הער איך דיר ווי דו וויינסט הייס,
צו בין איך, אָדער דו, גאָר שולדיק ?
ווער ווייסט ? . . . ווער ווייסט ? . . .

קאַרוס...

5

הייליקט זיך צום אנדענק דיינעם,
שטיל אַ טרער, ווייל ביסט מיר ליב —
צאנקט דאָס פלעמל פונם ליכטל
אויף אַ לעצטן חלומס גרוב . . .

קאַרוס...

בּאַלאַדעם

געפעלט אייך מיין כלה ?

(הומאָרעסקע)

זומער אין קאַנטרי, אויף מיין וואַקאַציע,
ליג איך ביים פאַרמער אויף די היי,
איינשלאָפן אין חלום און כראָפּע,
אַ סך שיינע מיידלעך אין חלום איך זעה.

און איך חלום און קלער, אַך ווי שיין איז די נאַטור,
ווי שיין איז דער הימל, די לבנה, מיט די שטערן,
ווי לאַנג נאָך, אַ בחור צו זיצן,
וואָס איז דער תכלית און וואָס וועט דערפון ווערן.

און דאָס איז מיין באַשלוס, וואָס געשען זאָל געשען,
און וואָס ווערן, זאָל ווערן,
איינמאָל פאַר אַלע מאָל,
איך מוז זיך דאָ אין איינע אין ליבע ערקלערן.

און פון די אַלע מיידלעך וואָס איך זע,
נאָר צו איינע ציט מיר מיין האַרץ מער ווי צו אַלע,
און שוין באַשלאָסן מיט מזל,
מיר ווערן שוין חתן־כלה.

פריינט ! איך וויל האָבן דעם כבוד,
מיין כלה אייך פאָרצושטעלן,
הערט נאָר אויס אירע גוטע מעלות,
איר וועט דאָך ממש אַנקווועלן.

זי איז ניט צו הויך און ניט צו קליין,
ניט צו גראָב און ניט צו דיק,
אַ פּנים אַ שיינער ווי אַ מלאך,
אויסגעטאָקט ווי פון אַ מאַשין.

אַזוי ווי איר זעט, האַלט זי זיך קיינמאָל ניט גרויס,
און בלאָזט ניט פון זיך ווי אַ האָז,
רויכערט קיין סיגאַרעטלעך,
און לאָזט דעם רויך ניט ווי אַגדערע דורך די נאָז.

אירע אויגן זיינען צוויי שיינע בריליאַנטן,
היינט, איר שמייכל, איז פול מיט חן,
אויף אירע באַקן איז ניט געקומען קיין פודער,
און ביי דענטיסט קיינמאָל זיך ניט געפיקסט די ציין.

זי יאָגט זיך ניט נאָך שיינקייט,
אויסקוקן שענער גאָר,
לויפט ניט אין די ביוטי־פּאַרלערס,
צו קרייזלען זיך די האָר.

זי יאָקט זיך ניט נאָך די מאָדעס,
ווי אַנדערע אויף האַרי־אַפּ,
קריקט זיך ניט מיטן צווייטן,
און קוקט ניט וואָס עס קאָכט זיך ביי שכן אין טאָפּ.

זי קערט ניט פאַר דיימענטענע רינגען,
אָדער טראָגן גאָלדענע בראַסלעטן,
ניט געמוטשעט דעם קערפּער צו מאַכן זיך דין אָדער גראָב,
מיט די לייטעסט סטייל קאָרסעטן.

היינט איר שטימע, ציט אייך צו ווי אַ מאַגנעט,
צו הערן אַ גאַנצע נאַכט, ביז אינדערפרי,
איר קאָלערטורע אירע טרעלן זיינען איבעראַשנד,
ווען זי דערגרייכט ביי דער לאַ און סי.

אויף פרעמדע חתונות, בעלער און טענץ,
האָט איר איר קיינמאָל ניט געזען,
אויף די קאַרנערס מיט טרעמפּס גאַנצע נעכט,
האָט איר איר קיינמאָל ניט געזען שטיין.

זי גייט איינפאַך באַקליידעט און האַלט זיך ניט גרויס,
אויף איר קאָן מען זאָגן באמת אַ צדיקת
ניט פאַרנעמען אַ סענט ביי יענעם,
און קיינעם ניט אַנגעטאָן קיין העזייקעס.

ווער איז אומשטאַנד אויסרעכנען,
וואָס זי באַזיצט אַזאַ גרויסע מעלה,
אוי גאָטעניו, איך דאַנק דיר פאַר דיין גוטסקייט,
וואָס האָסט באַשערט מיר צו מאַכן איר פאַר מיין כלה.

לאָם איך דיר אָרמען מיין כלה, קושן אין דיינע ליפּן,
ווייל אין האַרצן ברענט די ליבע ווי אַ פייער.
ווען איך האָב די אויגן געעפנט האָב איך דערזען,
אַז דאָס איז אַ קעלבל, וואָס קייט שטרוי ביים פאַרמער אין שייער.

רייזעלע

דאָס בערגעלעביים וואַלד,
ווי דאָס וואַסערעל שפּיגלט אין ברונעם.
דאָרט זיצט אַ מיידעלע, רייזעלע, טיף פאַרטראַכט,
און טרערן פון אירע אויגן רינען.

ביי דעם ברונען זיצט רייזעלע,
מיט האָפנונג און גאָרן,
און טראָגט אַ קינד אונטער איר האַרצן,
איז דאָס מעגלעך אַז ער זאָל מיר געווען אָפּנאַרן.

צוגעזאָגט מיר גאָלדענע גליקן,
אויף אַלע מיינע יאָרן,
אנגעוואוירן זיין דזשאָב אין פעקטאָרי,
אין אַן אַנדער שטעטעלע אַרבעט זוכן געפאָרן.

אין יענעם שטעטעלע אין פּאַרק אויף אַ באַנק,
ביינאַכט ווי עס האָט געשיינט די לבנה מיט די שטערן,
דאָרט האָט ער זיך מיט איין אַנדער מיידעל,
געטאָן אין אייביקע ליבע ערקלערן.

ביז שפּעט אין דער נאַכט אין וועלדעלע,
וויינט רייזעלע דאָרט ביים ברונעם,
אפשר וועט איר געליבטער זיך פאַרט דערמאָנען,
אַהיים צו רייזעלע צוריק צוקומען.

אַזוי לויפן דעם מענטשנס יאָרן און טעג,
און עס לויפט גיך די צייט,
און ביז די ניין מאָנאַטן,
איז שוין גאָרניט ווייט.

דאָרט ביים שטילן ברונעם אין וועלדל,
פאַרגיסט רייזעלע טרערן אַז אַ שיר,
ווארום זאָל ער מיין האַרץ ניט דערקוויקן,
אַ בריוועלע, אַ פּאָר ווערטער אויף אַ שטיקעלע פּאַפּיר.

ווען רייזעלע גייט לעבן אייך פֿאַרביי.
דערקאַנט מען איר ניט אמערסטן,
עס איז ניט פֿאַראַנען קיין ווערטער,
אַז מען זאָל איר קאָנען טרייסטן.

רוישן די ביימער ביינאַכט אין וועלדל,
מיט אַ גרויסן שטאַרקן געוויין,
גלייך ווי זיי ווילן רייזעלען העלפֿן,
אין טוען איר ביטערע לאַגע פֿאַרשטיין.

זיצט רייזעלע ביי ברונעם אין וועלדל,
און טוט נאָך אַלץ האָפֿן און האַרן,
און איר האַרץ ווערט אויף שטיקער צעריסן,
און איר קערפּער טוט איינדאַרן.

אַ בריוועלע צו שרייבן,
בעט רייזעלע ביי דיר,
מיין קראַנק האַרץ צו היילן,
מיט אַ שטיקל געשריבענעם פּאַפּיר.

אין וויגעלע וויגט מען אַ יתום׳לע,
וואָס הייסט אַ נאָמען נאָך איר מאַמען רייזעלע,
ריין ווי אַ מלאכל איר דערקאָנט איר,
גלייך ווי דער מאַמעס נעזעלע.

אויף דעם בית עולם אַן אַ זייט שטייט אַ מצבה,
וואָס הויפּט אַן שפּראָצן אַ גרעזעלע,
ווער עס גייט פֿאַרביי לאָזט פֿאַלן אַ טרער,
אויף דער פריציייטיקן טויט פֿון דער אומגליקלעכער רייזעלע.

פּעליטאָנען

אַ סוויפּ־סטעיק טיקעט

וואָס פרעגט איהר, צו אַ סוויפּסטעיק טיקעט איז עפּעס אַ קלייניג־קייט! פרעגט שוין גאָר ניט, וואָס עס קאָן אָנמאַכן.

אַט זיץ איך אַזוי נאָך דער אַרבייט, פאַרמאַטערט, און טראַכט. עפּענט זיך די טיר און עס קומט אַריין אַ מאַן און זאָגט: העלאָו, אייך דאַרף איך. אפשר, קענט איר עפּעס טאָן פאַר מיינעם אַ קאַזין. אַ שטילער מאַן, ווי מען רופט איינגעהאַלטן מיטן סענט. קיינמאָל זיך ניט געמישט אין פּאָליטישע ענינים, אַ מענטש פאַר זיך.

אין אַ שעהנעם טאָג איז עפּעס געקומען אַן אַגענט פון אַ סוויפּ־סטעיק טיקעט און איינגערעדט, אַז ער זאָל קויפן אַ טיקעט און ער וועט געווינען. און ניט אַבי וואָס, נאָר טאַקע דאָס „דורבי” פערדל, דעם גרעסטן געווינס, טאַקע די הונדערט און פופציג טויזענד דאָלער, — דאַן קויפט ער אַ קאַר, אַ ראָולס ראָיס, און פאָרט קיין פלאָרידאַ, אין מיאַמי ביטש זיך באָדן, און אַ לופּט רייזע קיין איירופּאַ, און נאָך און נאָך לוקסוסן אַ סאַך.

איין קלייניגקייט, 150 טויזענד דאָלער, האָט ער זיך געשלאָגן מיט דער דעה: יאָ קויפן, ווערט ער דאָך באַלד אַזאַ נגיד. — ניט קויפן, צוריק דער זעלבער קבצן. — האָט ער באַשלאָסן יאָ צו קויפן דעם טיקעט, נאָר ניט אַליין, נאָר מיט אַ פאַרטנער, און ניט איינעם, ניין, — טרעפט מיט וועמן? איהר וועט ניט טרעפן — מיט דער שוויגער זיינער, און אויך דער ווייבס אַ ברודער, דער ווייבס אַן אָנקעל — און אַזוי האָט זיך טאַקי מיין קאַזין איינגעגלויבט, אַז ער איז טאַקע דער געווינער פון דעם גרויסן געווינס און ניט קיין אַנדערער.

איז ער אַרום געגאַנגען ווי אַהן אַ קאָפּ און געשריען „געוואַלד, נאָך וואָס האָב איך געדאַרפט פאַרטנערס”. ביך משוגע געוועןָ, אַריינגענומען אַ שוויגער, די גאַנצע ווייבס משפחה. זיי וועלן מיר דאָך באַגנבה’נען פון טאָפּ ביז דעם באָטאָם. — מען האָט איינפאַך געזעהן, ווי דער מענש געהט אַרום ווי אַהן אַ קאָפּ, געהט אַרום אין הויז הין און צוריק און רעדט אַ געווינס, אַ געווינס, אַזאַ טייער פערדעל, אַזאַ כשר פערדעל! ווי אַזוי באַוואָרענט מען זיך פון די גנבים?

האָט מיין קאַזין אַזוי געהענדיק הין און צוריק גערעדט: אַ געווינס, אַ געווינס, אַ סוויפּ־סטעיק טיקעט, אַ פערדעל, און ניט קיין אידישע קליאַטשקע

נאר אַן ענגלישע דוירבי פערדעל, אַ לייטיש פערדעל, צו גאָט און צו לייט. ווען איך האָב ניט די ווייבס משפחה ! וואָלט איך דאָך זיין אַ גליקליכער ! מען האָט געזעהן ווי דער מענטש עסט ניט, טרינקט ניט און שלאָפט ניט גאַנצע נעכט: די פּאַרטנערס, די פּאַרטנערס.

האָט ער געוואָלט געהן צו אַ נאָטאַרי מאַכן אַן אַגרימענט, מיט דער ווייבס משפחה. נו, ווי זשע נעמט מען אַזאַ ערענטליכן נאָטאַרי, האָט ער באַשלאָסן צו פאָרן קיין שיקאַגאָ. זיינער אַ פריינטס זוהן, האָט אַ גרויסען לאָיער. ניט לאַנג געטראַכט און יאָזדע קיין שיקאַגאָ, און געמאַכט אַן אַגרימענט, און אַריינגעשריבן אַזוי פיל פונקטן אַז דער לאָיער האָט זיך פאַר די זייטן געהאַלטן פון געלעכטער, נאָר ווען עס איז געקומען צו באַצאָלן, האָט ער געשריען אַז אים קאָסט אַזוי פיל רייזע קאָסטן. האָט יענער לאָיער איבערגעגעבן צו אַ מאַנטרעאַלער לאָיער, און עס איז אַוועק אַ געשעפט מיט צאָלן.

ביי דיזע ווערטער, האָט זיך די טיר געעפענט, און מיין קאַזינס אַ סאָסייעטי ברידער איז געקומען אים נעמען צו אַ מיטינג. האָט איהם מיין קאַזין אַ פרעג געטאָן: לואי, ווען איז חתונה ביי דיין מוזינקע ? און יענער האָט געענטפערט: איך וואַרט פאַר מיין געווינס, איך האָב אַ סוויפּסטעיק טיקעט ווען די 150 טויזענד דאָלער וועלן אַריינקומען אין מיינע הענט וועט שוין אַלעס זיין.

ביי דיזע ווערטער איז ווי אַ קויל אַריין אין האַרצן פון מיין קאַזין: סטייטש ! אַ סאָסייעטי ברודער, און וויל צונעמען די 150 טויזענד טאָלער ביי אים. ניט קיין פאַרגינערס, און האָט געשריען: איך וויל אַרויס פון דער סאָסייעטי, איך וויל מער ניט באַלאַנגן מיט אַזוינע ברידער, ניט קיין פאַר־גינערס, פליינע האָלד־אַפּניקעס

און קערב הבוקר, ווען עס איז נאָך פינסטער געווען, איז שוין מיין קאַזין געווען אויף דער סעמעטערי און געזעסן אויף אַ מצבה פון אונזערע אַ פאַרשטאָרבענע מומע, וואָס האָט געהייסן העניע־דאָבע, און איינגעלעגט וועלט, געוויינט און געבעטן: טייערע מומע, זאָלסט לויפן און בעטן אַז מיין פערדעל זאָל אַריין און אויב ער וועט ניט קענען אַריין אין גאַנצן זאָל ער כאָטש אַריין אַ האַלבער. איך בעט דיר, אַז דו זאָלסט זיך דאָרטן זעהן מיט דער מומען באָבקע, און אויך מיט׳ן פעטער חנא, מעגן זיי דאָרט זיך אַ שאָקל טאָן, לעג אַוועק אַלע דיינע פּוסטע זאַכן אין אַ זייט און מאַך זיך צייט. איך דענק אַז איך האָב פאַרדינט ביי דיר, דיין פלימעניק. פאַרגעס ניט וואָס כ׳בייט ביי דיר.

ווער ווייסט ווי לאַנג מיין קאַזין וואָלט אויף דער סעמעטערי איינגע־לעגט וועלטן, געדונערט און געפילדערט מיט זיין פערדעל. ווען ניט אַ סאָ־

סייעטי וואָס איז געגאַנגען אויפדעקן אַ מצבה פאַר אירען אַ פאַרשטאָרבענעם ברודער אויף יענער סעמעטערי און געפינען ניט מיין קאַזין אַ פאַרחלשטען, און ברענגען אים ניט אַ היים וואו ער ליגט אָפּ 6 וואָכן אין בעט אַ קראַנקער, און די הויפּט זאַך איז די, אַז יענער טיקעט האָט שוין אָפּגעשפּילט און פאַרלוירן זיין ווערטה נאָך צוריק מיט 2 יאָר, און מיין קאַזין, ווי ער געהט און ווי ער שטעהט רעדט: אַ געווינס, אַי, אַ געווינס, אַ פערדעל, אַ לייטיש פערדעל, צו גאָט און צו לייט.

אַ סוויפּ־סטעיק טיקעט, אַ 150 טויזענד דאָלער ! סאָם לאַק, אַ, באָי !

פעליטאָן פאַר פורים

ווערטהער הער רעדאַקטאָר:

דאַס שרייבט צו אייך דער פערטרעטער פונם גרויסן לאַנד, וואָס קעניגט איבער 127 גרויסע שטעדט און שטעטלעך, ווילעדזשעס און דערפער, ווי אויך איבער ימים, טייכן, לאַנקעס, גרויסע און קליינע לעיקס, ווי אויך בערג און טהאָלן, וואָס פאַרנעמט אַזאַ שטרעקע ווי פון הודו ביז כוש, ווי איך וועל אייך בעקענען וואָס ביי אונז, איז נאַרוואָס פאַרלאָפן... אין דער הויפט שטאָדט, וואָס הייסט שושן, אין דער פראָווינץ בירא.

אונזער קעניג הייסט אחשורוש, האָט געמאַכט אַ באַנקעט פאַר די גוֹיעסטע לייט פונם לאַנד.

אַ קאָמיטע פון 7 מיניסטאָרן האָבן עס אַראַנזשירט, און ווען דער קעניג האָט זיך אַביסעלע צעהוליעט, אייגענטליך קען ער טרינקן, און גלייכט אַ שנעפסעל, נאָר עס ווייזט אויס אַז ער האָט געטרונקן אַביסעל צופיעל, האָט זיך איהם זיין קאָפּ פאַרדרייט. איז אים אַריין משוגעת, אַז די קווין ושתי, זיין ווייב זאָל קומען אויף דעם באַנקעט אַ נאַקעטע.

אין יענעם אָוונט, האָט די קווין געהאַט אַ פּעקעדזש פּאַרטי, ערגעץ ביי אַ ליידיעס אָוקזילערי, האָט מען איהר ניט געלאָזט אָוועקגייען. אייניגע זאָגן אַז איבער עפּעס אַ קרעצעל וואָס האָט איר אָנגעריסן, האָט זי ניט געוואָלט קומען, צו איבער עפּעס אַנדערש. מען ווייסט גאָרניט ! ! !

ביי די אַנטיסעמיטן איז געוואָרן אַ ויצעקו, סטייטש, די אידן לאָזן איר ניט גייען צום קעניגס באַנקעט, די אַנטיסעמיטן פון אַלע 4 ווינקעלעך פון לאַנד האָבן אָנגעשטעלט אַלע קאַנאָנען קעגן די אידן — מען דאַרף זיי טהון, טהון, איך ווייס אַליין ניט וואָס . . .

איז צום מזל האָט אַ נס געשעהן. אַניט וואָלט מען אויסגעהרג׳עט אַלע אידן.

דאַס האָט פּאַסירט באַלד נאָך אַ פעדעראַלן עלעקשאָן, איז אַ מזל, וואָס די אידן האָבן וועלטן געקערט און עלעקטעט אַ מיניסטער אָף דזשאַסטעט, אַזאַ גרויסן נאַבעלמאַן און אידן פריינטביים נאָמען המן, ווי ער האָט טאַקע פאַר די אידן באַצאָלט מיט זיין לעבן, זיינע 10 זיהן אַריינגערעכענט. איז

ביי אונז אידן אין שושן פאַרבליבן אַ געזעץ אַז יום כפור באַווייַנען מיר מער ניט די עשרה הרוגי מלכות, נאָר ביר באַוויינען די עשרת בני המן.

און וועגן ושתי׳ן, האָט איר דאָך געמוזט הערן אין די ניוס־קעסטער, אַז מען האָט איר געהרג׳עט, און דער קעניג איז פאַרבליבן אַן אַלמן.

שדכנים פון איבער דער גאַרער וועלט זיינען אים באַפאַלן. פּלוצלינג האָט ער זיך פאַרליבט אין אַ אידישער דינסט מיידל, וואָס האָט גע־הייסן אסתר, איז בעפאָר דער חופּה אַנטלאָפן צו אייך אין מאָנטרעאַל, צו אַ טאַנץ, וואָס ווערט אַראַנזשירט יעדן יאָר פון די פועלי ציון. אַ מזל זי איז באַלד צוריק געקומען, אַניט וואָלט אויף זיכער זיין אַ פּאָגראָם, ווייל מיר האָבן דאָ אַ מאַן, וואָס הייסט אַרקאַן, וואו עפּעס קעגן די אידן — איז ער דאָ דער ערשטער. צו זיין שולדיק אָדער ניט, נאָר ער איז דאָ דער ערשטער . . . צו שוויצן . . .

ער איז אַרויס מיט געשריי, אַז מען זאָל אויסקוילן אַלע אידן, ווייל זיי האָבן צוגערעדט אסתר׳ן צו לויפן צום טאַנצן. צופעליגער ווייזע, האָט אסתר אַן אנקעל, אַ פיינעם ביזנעס מאַן — ער הייסט מרדכי. האָט ער פאַר צרות און בושה איבערגעלאָזט זיינע ביזנעס אויף הפקר, האָט זיך אַנגעטאָן פאַר אַ וועיטער, ווי אַ טרעמפּעל, מיט אַ זאַק אויפן קאָפּ, און האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ קעניגס טויער, און האָט געמאַכט אַ גאַנצן ליאַרם, סטייטש פאַרוואָס אויס׳הרג׳ענען אַלע אידן, ווייל מיין פלימעניצע האָט זיך געלאָזט אַזוי גרינג פאַרשלייערן מיט׳ן קעניג . . . און ווען זי נעמט אַן אַפּערייטאָר, וואָס באַלאַנגט צו דער יוניאַן, וואָלט דען שלעכט געווען ? . . וואו איז יושר, גע־רעכטיגקייט . . . האָט מען איהם געוואָלט דעפּאָרטירן, אַז ער זאָל אויפהערן צו גראַגערן מיט „יושר״ . . .

דערהויפּט וואָס מיר ווילן וויסן, צו איז עס אמת, דאָס אידן אין קאַנאַדע און אַמעריקע זענען פאַראַרעמט געוואָרן דורכן קראַך פון סטאָקס. מיר האָבן געלאָזט רופן אַ דרייוו פאַר הילף. מיר מיינען אַ געלד־דרייוו „דער דזשואיש קאָנגרעס״ פון הודו ביז כוש, צו העלפן די געליטענע . . .

און מיר וואָרענען אייך אויף ווייטער ניט צו אינוועסטירן געלט, גלאַט אַבי אין וועלכע שערס, נאָר אין ראַיעלע שערס, — ווי פּורים גראַגערס שערס, המן־טאַשן שערס, מאַנדלעך שערס, דאָס זענען די זיכערסטע שערס שוין פון טויזענטער יאָרן, זיי האָבן ניט באַנקראָטירט און אַלע מאָל האָבן זיי זייער ווערט, ספּעציעל שטייגן זיי מיט עטליכע פּוינטס פון אסתר תענית, וואָס האַלט אַן ביז פּורים. דאָס איז די בעסטע צייט צו קויפן זייערע שערס. אַ שור ווינער . . .

אויף ווייטער, ווילן מיר פרעגן, צו עס איז אמת, דאס מען האט פאר־באטן אין ארץ ישראל אידן צו קויפן באדן פון די אראבער. מען זאגט אז יא, אוי'ס דזשעלאסי, און ווער מיינט איהר איז אין דעם שולדיק, א פאר אידישע מאנופעקטשורערס, וועלכע האבן מורא געהאט פאר קאמפעטישאן . . .

אט צוםביישפיל, האבן מיט א שטיקל צייט צוריק, אידן געעפנט א גרויסע פאבריק פון המן־טאשן אין שושן, מיט ברענטשעס איבערן גאנצן לאנד. מ'זאגט אז די פאבריק איז גרעסער ווי אייער סי. פי. אר. אין מאנטרעאל, און די המן־טאשן זיינען לייטעסט אימפּראוומענט, זיי קענען פליען 25 מייל ביז 450 מייל א שטונדע, און אמאל מער, עס געווענט זיך אינעם וועטער . . . און אויך אין די פראפעלערס פון די גראגערס.

אייערע המן־טאשן זענען אלד־פעשיאן, אנגעפילט מיט מאן, פלוימן, ראזשינקעס . . . ביי אונז פילט מען אן מיט קאבאק . . . איר ווילט מסתמא וויסן פארוואס מיט קאבאק, איז דערפאר ווייל ביי אונז, וואס מען פלעגט רעדן, פלעגט מען זאגן א משל־קאבאק, זענען עס די מאנופעקטשורערס געפאלן אויף א פלאן און האבן עס פאטענטירט פאר די המן טאשן. פרעגט שוין גארניט סארע גאלדענע גליקן זיי מאכן, זיי שארן מיליאנען גאלד און זיי האבן דאס געגעבן א וואונק צו דער רעגירונג ניט צו פארקויפן קיין באדן צו די אידן . . . אויס קאנקורענציע . . .

ווייטער האט מען ביי אונז אין שושן ערפינדן א נייעם המן טאש, וואס וועט איבערקערן וועלטן. ער איז פיעל שטארקער ווי די אטאם־באמבע. די אטאם־באמבע האט קיין שום ווערט אנטקעגן אים. מען זאגט ביי אונז אז מיט דעם נייען המן טאש האט מען עס דערלאנגט היטלער'ן איבערן קאפ. און מען הערט מער ניט וואו זיין געביין איז אהין געקומען. מען זאגט אז דער אטאם המן טאש האט געמאכט מאנוועווערס אין אלאסקע, און א פלי מיט א נאן־סטאפ ביז אזערבאידזשאן, און פון דארט וועט ער א פלי טאן קיין אוריטריע, און מיטברענגען פון דארט די אידן פון דעם קאנצענטריישאן קעמפ.

מיר האבן דא נאך המן טאשן וואס זענען פיל מיט סודות, אבער מען דארף זיך היטן, פון א גוט אויג, אניט וועלן זיי אנהויבן גענעצן.

מיר האבן אויך מאנדלעך, ענליך די המן טאשן. אבער אין פליען זיינען זיי שוואכער. אייניקע פליען נאר 250 מייל א שעה, אבער זיי וועלן ווערן אימ־פּרוווט. בעפאר איך שליס מיין שרייבן צו אייך, וויל איך אייך מודיע זיין אז מיר פארן ניט מער אין שושן מיט סטריט קארס אדער טעקסיס, אטאמאבילן. נאר וואו מיר דארפן גייען, סאי צו ביזנעס, אדער צו דער ארבעט, פליען מיר נאר אויף המן טאשן. טרייעט דארט ביי אייך, וועט איר זען ווי גוט דאס וועט אייך זיין — איר וועט ווירקליך אויסקוקן דאן ווי צעוויליזירטע מענטשן.

אי לעבן זאל דער המן טאש . . .

אַ סאָסייעטי זוכט אַ מעמבער

באלאדע

אַ סאָסייעטי זוכט אַ מעמבער,
וואָס זאָל איר זיין געטריי, און באַווייזן פאַר איר ווינדער.
זאָל פאַרנאַכלעסיגן פּרנסה,
ווי אויך זיין פרויה און קינדער!

אַ סאָסייעטי זוכט אַ מעמבער,
ווייל זי איז אין גרויס נויט,
ווייל אַ ניט געהט זי לאַנגזאַם אונטער.
מיט אַ זיכערן טויט.

אַ סאָסייעטי זוכט אַ מעמבער,
וואָס זאָל ספּענדן פאַר איר געלט, צייט, יאָרן און טעג.
און אַרויף פירן די סאָסייעטי
אויף אַ שעהנעם, גראַנדיעזן, בליהענדן וועג.

און פאַר דעם אַלעס, און אַלעמען מעמבער,
וואָס וועט דינען אַזוי איבערגעבן און געטריי,
וועסטו קריגן פון דער סאָסייעטי,
אין פּנים אַ שפּיי! . . .

דערציילונגען

לילי אין געריכט

ד ע ר צ י י ל ו נ ג

אין דעם קינדער געריכט הויז, אַן אַ זייטיקער טיר פון דער נומער 6 קאָורט רום, וואו אַלץ האָט געוואָרט פאַר דעם ריכטער איז אויף יענע באַנק געזעסן אַ פרוי. אַ מאַמע וואָס האָט אַנגעקלאָגט איר קינד — אַ 16 יאָריגע מיידל פאַר רעדן אַנקעגן איר מאַמען שלעכטע ווערטער, דערנידעריקן זיי שמוציק און באַלעדיקן איר אייגענע מאַמע. די פרוי האָט געהייסן מרס. קיי. אירע קליידער האָבן עדות געזאָגט אַז זי דאַרף זיין אַ סאָסייטי ליידי. אַ שיינער דימענטענע רינג אויף איר האַנט האָט אַראָפּגעלויכטן מיט גרויסע שטראַלן. עטלעכע פרויען, אַפּיסערס פון איר סאָסייטי, האָבן זי אַרום באַגלייט אין קאָורט רום. און צען אַזייגער גלייך האָט זיך דערהערט דער אויסרוף „אַטענשן" פונם קלוירק פון דער רום.

אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט, פאַרנייגט פאַר דעם ריכטער און צוריק געזעצט. דער ריכטער האָט פאַרנומען זיין שטול. אַ מאַן אין די עלטערע יאָרן, גאַנץ גרוילעד און באַשיידן. די ערשטע קייס איז פאַרופן געוואָרן אַ אינגל, וואָס האָט פאַרנומען אַ האַלבע שעה און עס איז געווען צו ענדע דער גאַנצער טרייל.

דאַן האָט דער קאָורט-קלאַרק אויסגערופן מרס. קיי. און באַלד האָט אַ פרוי די וועכטערין פון אַ זייטיקער טיר אַריינגעפירט ליליען. דאָס 16 יאָריגע מיידל, וועלכע איז געווען איינפאַך אַנגעטאָן, שוואַרצע האָר, שיינע צוויי אויגן, טיף איינגעפאַלן אין איר שטערן וועלכע האָבן עדות געזאָגט אַז זיי לעבן איבער אַ שטורעם אין לעבן. און די וועכטערין האָט ליליען אָנגעוויזן וואו זיך אַוועקצוזעצן.

מרס. קיי האָט זיך אויפגעשטעלט און דער קלוירק פון געריכט האָט איר אַנגעוויזן וואו אַריינשטעלן זיך אין באָקס אַלס אַן אַנקלעגערן.

דער ריכטער: איז אייער נאָמען מרס. קיי ?

מרס. קיי: יאָ, הער ריכטער — האָט זי געענטפערט.

דער ריכטער: איז ליליען אייער קינד און איר זייט די מוטער ?

מרס. קיי: יאָ, הער ריכטער, אַז איך בין די מאַמע איז ריכטיג, אָבער צו זי

איז מיין קינד קאָן איך אייך זאָגן, הער ריכטער, אַז איך האָב זי אויסגעמעקט אַלס קינד פון מיין הארצן שוין פון לאַנג.

דער ריכטער: איך פרעג אייך ניט צו איר גלייכט אייער קינד יאָ אָדער ניט. איר האָט אָנגעקלאָגט אייער קינד און איך וויל הערן אייער אָנקלאַגע אַנטקעגן איר איצט.

מרס. קיי: הער ריכטער, איך וועל אייך אַלץ דערציילן. האָט איר געהערט אַזאַ צאָרן אַז אַ קינד זאָל ניט הערן קיין מאַמען ? אַן אייגן קינד זאָל רופן דער מאַמען מיט די נידעריקסטע נעמען, שמוציקע, באַליידנדיקע ווערטער. גלייך ווי איך בין גאָר ניט איר מאַמען. מיין פאַרלאַנג איז, הער ריכטער, אַז איר זאָלט פאַרשיקן מיין קינד אין אַ רעפאָרמאַטאָרי אַנשטאַלט, כאָטש אויף צוויי יאָר צייט. דאָס וועט זיין אַ לעסן פאַר איר ווי צו רעספּעקטירן אַ מאַמען.

דער ריכטער: גענוג, מרס. קיי. זעצט זיך אַנידער, גענוג !

דער קלוירק רופט אויס ליליען. לילי שטעלט זיך אין אָנקלאַגע באָקס. וועוט דערשראָקן, ווערט רויט, און דאַן בלייך.

דער ריכטער: איז דיין נאָמען לילי ?

לילי: יעס, הער ריכטער.

דער ריכטער: איז אַלעס ריכטיק וואָס דיין מוטער האָט דאָ דערציילט פון דיר ? איך וויל הערן וואָס האָסטו צו זאָגן אַנטקעגן דיין מוטערס אָנקלאַגע.

ליליען שווייגט.

ריכטער: ענטפער, וואָס האָסטו צו זאָגן ?

אין געריכט הויז האָט דאַן געהערשט אַ שטילקייט, אַן ערנסט שטילקייט.

ריכטער: פאַרוואָס ענטפערסטו ניט אויף מיין פראַגע ? אַז איך פרעג, דאַרפסטו ענטפערן דעם ריכטער. איז עס אמת, אַז דו רופסט דיין מאַמען מיט די נידעריקסטע נעמען און שמוציקע ווערטער ? ווייסטו אַז אַ מאַמען מוז מען האַלטן טייער און רעספּעקטירן, פאַר דער גרויסער מי דיך צו דערציען ? ווייסטו די פליכט פון אַ קינד צו אַ מאַמען ? וואָרום ענטפערסטו נישט ?

לילען שווייגט.

דער ריכטער: (בייז) יעצט זע איך, אַז דיין מאַמע איז גערעכט אין אַלץ. ווארום ווילסטו ניט ענטפערן דעם ריכטער ? איך גיב דיר נאָך אַ מעגלעכקייט און ענטפער. אויב ניט, וועט דאַן זיין צו שפּעט און דו וועסט מוזן אויספילן דעם אורטייל וואָס איך וועל דיר אַרויסגעבן. אפילו ווען ער וועט זיין שטאַרק און שווער. איך פאַרלאַנג, זאָג מיר, יאָ אָדער ניין ! וואָס דיין מאַמע זאָגט איז ריכטיג ? איז איר אָנקלאָגע אַנטקעגן דיר אמת. דאַרפסט ניט מורא האָבן. קאָנסט זיך אויך פאַרטיידיקן. דאָס געזעץ ערלויבט עס.

ביי די ווערטער האָט לילי אַ ציטער געטאָן. און טרערן האָבן זיך גענומען קייקלען פון אירע שיינע צוויי בריליאַנטע אויגן. ווען זי האָט יאָ געוואָלט עפּעס רעדן האָט מען געזען ווי זי ראַנגלט זיך מיט דעם אַלעם וואָס האָט איר האַרץ פאַרשלאָגן פון געוויין.

ריכטער: זעץ זיך אַוועק, לילי. באַרואיק זיך, קינד.

אויס רחמנות האָט דער ריכטער צו איר אַ ליבלעכן שמייכל געגעבן, כדי זי צו דערמוטיקן.

אין אייניגע מינוט האָט דער ריכטער געפרעגט: פילסטו בעסער ? אויב יאָ, קאָנסטו רעדן.

ליליען: הער ריכטער ! קאָן איך רעדן צו אייך ווי צו אַ פאָטער ?

ריכטער: יאָ, מיין קינד ליליען. רעדט ווי צו אַ פאָטער.

און ליליען האָט אָנגעפאַנגען רעדן. אין געריכט האָבן אַלע אָנגעשטעלט זייערע אויערן און אַלע האָבן געקוקט אויף איר.

ליליען: הער ריכטער, מיין מאַמע פאַרלאַנגט פון מיר כבוד, רעספּעקט און אָנערקענונג. אַז זי איז מיין מאַמע איז אמת. אַז זי האָט מיך געבוירן, אָבער דערצויגן האָט מיך די גאַס. איך בין אַ גאַסן־קינד. מיינע צוויי יונגערע ברידערלעך און מיין קליין שוועסטערל האָבן דאָס אייגענע מזל ווי איך. נאָר זיי זיינען גליקלעכער פון מיר, ווייל איך בין די עלטערע און גיב אַכטונג אויף זיי. ווי איז עס געהערט אַז אַ פרוי מוז באַלאַנגען צו אַ טויזנט סאָסייטיס און ברידזש קלאָבס. מיין מאַמע האָט ניט פאַרפעלט קיין איינע פון יענע מיטינגען. מיין מאַמע פלעגט קיינמאָל ניט זיין אין הויז. גוטע מענטשן פון גאַס פלעגן אונז וואַשן, אָנטאָן, עסן געבן, און שלאָפן לייגן. און דאָס ערגסטע איז געווען, ווען מיין מאַמע פלעגט זיך צעשפּילן אין קאָרטן, און אין ברידזש, און פון

ברידזש, איבערגיין און שפּילן פּאָקער, אין געלט. פלעגט שוין אונזער מוטער פויקן גאַנצע נעכט און טעג אַן אויפהער. און ניט אומזיסט רעדן נאָך היינט די קינדער פון גאַס און רופן מיר מיט דעם נאָמען, "די קאָרטן שפּילערנס טאָכטער. האָט מיין מאַמע אַ טראַכט געטאָן ווי אירע קינדער זיינען ? צו זיינען זיי הינגעריק אָדער שלעפּעריק, אָדער אויסגעזעצט צו דער גרעסטער געפאַר פון גאַסן באַוועגונג (טרעפיק). ווי נעמט זיך אונטער אַ פרוי צו פאַרזאָרגן יענעמס קינדער און איבער־לאָזן אויף הפקר אירע אייגענע קינדער ? ווי קאָן עס אַ פרוי פּרעדיקן מאָראַל פאַר פרעמדע מאַמעס אַז זי אַליין איז אַ לויפעריץ, ווילד ווי אַ חיה. אָן פאַראַנטוואָרטליכקייט, טאָג און נאַכט, קיינמאָל אין איר הויז ניט פאַראַן.

אין אַ ווײַלע איז ליליען שטיל געבליבן.

און דערנאָך געפרעגט: הער ריכטער, אפשר רעד איך צופיל ?

ריכטער: רעד, רעד מיין קינד. רעדסט צו דער זאַך. דאָס געזעץ ערלויבט דיר זיך צו פאַרטיידיקן.

ליליען האָט פאַרגעזעצט: הער ריכטער, איך האָב ליב געהאַט די אַרבעט פון מיין מאַמען אין דער אינסטיטוציע און סאָסייטי, ווייל יעדע סאָסייטי איז געגרינדעט מיט אַ גוטן צוועק צו העלפן פאַרבעסערן און אויס־בעסערן און איך רעספּעקטיר יעדע איינע פון זיי, אָבער די קאָרטן סאָסייטי, האָס איך פונם טיפסטן הארצן. דאָרטן ביים געמבלינג טיש פון קאָרטן פאַרשפּילט די פרוי איר ערע, און כבוד, איר עקזיסטענץ. דאָרט ביי די קאָרטן האָט מיין מאַמע פאַרשפּילט אירע קינדער. אין יענע טעג און נעכט ווען מיין מאַמע האָט געשפּילט אין קאָרטן, אין יענע טעג און נעכט, האָב איך פיינט געקראָגן מיין מאַמען, און איך האָס איר, און די שנאה אין מיין הארצן וועט קיינמאָל נישט אויס־געלאָשן ווערן . . . און מעגן עס, הער ריכטער, הערן נאָך מאַמעס פון קינדער, וועלכע גייען אין מיין מאַמעס וועג און טריט. און אפשר וועלן מיינע ווערטער דינען ווי אַ מוסר־השכל איידער עס ווערט צו שפּעט. איך פאַראַכט אַזוינע מאַמעס ווי מיינע, וואָס פאַרלאַנגען כבוד און רעספּעקט פון זייערע קינדער, וועלכע האָט אַליין איר לעבן נאָר געשפּילט אין קאָרטן, און קיין צייט געהאַט, געבן אירע קינדער דערציאונג, בילדונג, לערנען וואָס איז שיין, וואָס איז גוט, זיטן, מאַנירן ווי קינדער דאַרפן באַגעגענען זייער צוקונפט. מיין מאַמע האָט מיך איבערגעלאָזן צו דער גאַס, דערצויגן צו ווערן אַ גאַסן־קינד, אַ דור פון פאַרברעכער, אויסגעלאַסנקייט וואָס יאָגט נאָך יעדער יונגער

מיידל אין גאַס, איך צו פאַנגן אין זייער נעץ פון שקלאַפן הענדלעריי. הער ריכטער, איך בין יעצט אין אייערע הענט, איר קאַנט מיך שמידן אין קייטן. איר קאַנט מיר געבן תפיסה, איר קאַנט מיר מאַכן מיין וועלט פינצטער אָדער ליכטיק, איר קאַנט אפילו צונעמען מיין נשמה וואָס אָטעמט אין מיר וואָס וואָלט נאָך געוואָלט זען אַ שיין פון ליכט וואָס הייסט לעבן. כ׳בין נאָך יונג. אָבער איר קאַנט ניט מאַכן מיך מיין מאַמען צום ליבן. און מעג וויסן די גאַנצע וועלט די שנאה פון אַ קינד צו אַ מאַמע וואָס שפּילט אין קאַרטן . . .

ביי די ווערטער האָט נאָר ליליען׳ס קערפּער אַ ציטער געטאָן און איז געפאַלן אין אַנמאַכט . . . שטאַרק האָט געאַרבעט דאָס געריכט־הויז. שטונדן לאַנג מיט דעם דאָקטער וואָס מען האָט געבראַכט צו ברענגען ליליען צום באַוואוסטזיין. און ווען זי האָט אירע אויגן האַלב געעפנט און קוים אויסגערעדט עטלעכע ווערטער:

איך האָס זי . . . איך האָס זי . . . זי איז ניט מער מיין מאַמע . . .

און צוריק פאַרמאַכט אירע שיינע צוויי אויגן, און דער דאָקטאָר האָט איר געהאַלטן אין מינטערן, האָט דאַן געזאָגט:

זי איז ערנסט קראַנק — זי איז נערוועז, צוזאַמען געבראָכן . . . עס וועט נעמען לאַנג, לאַנג . . . זייער לאַנג ביז זי וועט קומען צו זיך מיט איר געזונט, און אפשר קיינמאָל ניט מער . . .

און דאַן האָט דער באַשיידענער ריכטער זיך געווענדעט צו מרס. קיי, מיט די ווערטער:

עס איזווירקליך טרויעריק, אַז אין דער היינטיקער געזעלשאַפט, איז דאָ אַסך מאַמעס, ווי איר, וואָס פאַרשפּילן זייער פאַמיליען לעבן אין קאַרטן. און עס טוט מיר האַרציליך לייד דאָס געזעץ דערלויבט מיר ניט אייך מיט זיי צוזאַמען אַרעסטירן און ברענגען אייך צו אַ פאַראַנטווערטליך פאַמיליע לעבן.

און דאַן געזאָגט:

אַ ליליען טייערע, האָסט געלעבט אין אַ ים פון צרות און עס לעבן נאָך היינט אַסך קינדער ווי דו און איך וועל פּרובירן צו ברענגען דעם משפט (טרייעל) דיין אומשולדיקייט, פאַר דער גרויסער וועלט, און ליליענס נאָמען וועט אפשר דינען אַלס אַ וואָרנונג צו די מאַמעס וואָס שפּילן אין קאַרטן. לילי, ביזט אומשולדיק. (קעיס דיסמיסט) — דער טרייל איז צו ענדע.

before it is too late. A mother, like mine, who expects love, honor and obedience from her children after having neglected to give them love, care, education and guidance, is a fool. My mother let me grow up without any guidance, in danger of betrayal by everyone with whom I came in contact, all men, young and old, who seek to harm a young, misguided girl, and take advantage of her lack of knowing right from wrong.

"Your Honor, I am now at your mercy. I will take whatever punishment you choose to give me. You can sentence me to jail; you can make my life miserable and unhappy, or you can make my future bright. I crave laughter, joy, love and happiness. But, Your Honor, you cannot force me to love my mother. Let the whole world know the feeling of a child towards its mother who neglects it for her own selfish pleasure."

Lillian had scarcely finished talking when her body trembled and she fell forward in the witness box. She had fainted. A Doctor who was present, waiting to give evidence in another case, very soon revived Lillian. When she opened her eyes, but not yet fully conscious, she mumbled the words, "I hate her. She is not my mother any more." The doctor said that Lillian appeared to be on the verge of a nervous breakdown and that he was afraid it would be a long, long time before she would be perfectly well.

The Judge then addressed himself to Mrs. K.: "It is indeed tragic that in the present generation there are many mothers, like yourself, who neglect their homes and family life for the pleasure of gambling. It is regrettable that the law does not permit a Judge to have such women brought to justice. Then he turned to Lillian: "You have lived in a world of sorrow, and there are many other children who are suffering just like you. I shall give your sad case all the publicity I can, in the hope that it may be a warning to other mothers who play cards incessantly, gamble and neglect their children. "Lillian, you are innocent. Case dismissed."

brothers and little sisters have had the same lack of care as I, but they are more fortunate because I look after them as much as I can. Your Honor, what would you say if I were to tell you that my mother, who has small children and a home, belongs to a dozen Societies and Organizations? That would not be so bad, but she belongs to several Bridge Clubs and never misses one of their gatherings. My mother is seldom at home. Neighbours have been kind to us, have often washed, dressed and fed us and have even put us to bed at night. Now mother has started playing Poker and other gambling games, at which, I am sure, she often loses money as she is so very irritable. Today the children in our neighborhood point me out as 'Card Player's' daughter. Has she ever given thought to whether we are hungry, sleepy, or in danger of being run down in traffic? Why should she work for the welfare of other children and neglect her own? How can my Mother hope to improve the morals of other people when she herself is a neglectful and irresponsible woman?"

Lillian paused for awhile and then said: "Your Honor, perhaps I am talking too much. I am so very unhappy".

Judge: "Continue, my child. You are only stating your case. The law permits you to defend yourself."

Lillian then continued (still under great emotional strain): "Your Honor, I have always admired the work of the various organizations to which my mother belongs because these organizations are founded on good principles and their aim is to better the welfare of humanity. I respect them all. But these Card-playing Societies are the ones I detest and loathe from the bottom of my heart. The gambling tables where women play and lose their honor, respect, their worth in life. There my pleasure-loving mother lost the love and respect of her children. Those days and nights when she 'played the game,' in those dreary, lonely days and nights I began to hate my mother. The feeling of resentment in my heart can never now be overcome. Other mothers should be warned not to follow in my mother's footsteps. Maybe my words will bring them to their senses

must say whether it is true that you call your mother vile names and use insulting language. Do you not realize that you must respect your mother for the love she has lavished on you, the sacrifices she has made and the years of toil spent in raising you? Surely you know it is your duty, as a daughter to respect and love her. Why do you not answer?"
Lillian continued to remain silent.

Judge: (impatiently) "Now I am beginning to think that your mother is right. Why do you not answer the Court? I shall give you one more chance and if you do not choose to answer, you will have to suffer the consequences, even if I must be severe with you. I demand a 'yes' or 'no' to the charges that your Mother has laid against you. Do not be afraid. You have the right to defend yourself according to law. What have you to say, Lillian?"

At this moment Lillian shuddered and tears started to roll down her cheeks. One could see that she really wanted to say something, but the words seemed choked within her.

Judge: "Just sit down, child, and calm yourself."

Out of pity the kindly Judge smiled broadly towards her to encourage her.

A few second later the Judge asked, "Do you feel better, Lillian? If so, you can talk now."

Lillian: "Please, Judge, can I speak to you as to a father?"

Judge: "Absolutely. Talk to me as you would to your own father,

If he were alive, and justice shall be given."

Lillian began to talk. Those in the courtroom strained their ears to catch every word spoken.

Lillian: "Your Honor, my mother expects me to honor, respect and love her. It is true that she is my mother. She gave me birth, but she did not raise me or show me any affection. The street took care of that. I am a gutter child. My two younger

Judge: "Is Lillian your child? Are you her Mother?"

Mrs. K.: "Yes, Your Honor. I am her mother, but I do not now consider her my child. I have shut her out of my heart.

Judge: "I am not here to ask if you love your child. I want you to explain to the court the charges you have preferred against your daughter and for which she has been brought here.

Mrs. K.: "Your Honor, I will tell you all. Do you think any child has the right to call her mother the lowest and most vile names? Even if I were not related to her at all and only a servant living under the same roof, I should not be spoken to with such disrespect and shown such inconsideration. I have raised her to the age of 16 and as I can no longer tolerate her insolence, I have a right, as her Mother, to demand, Your Honor, that you sentence my daughter to a term in Reform School. Perhaps that would teach her to have more respect for me in future.

Judge: "That will do, Mrs. K. Please step down."

The Clerk then called out the name of Lillian K. Lillian went to the witness box, shaken and frightened. The colour in her face rose to a bright pink as if from great excitement and duress and then blanched to a dead white.

Judge: "Is your name Lillian K.?"

Lillian: "Yes, Your Honor."

Judge : "Tell me, Lillian, is all that your Mother has told the Court about your behaviour true?"

No answer. Lillian remains silent.

Judge: "Answer. What have you to say?"

In the courtroom a sudden dramatic silence prevailed. Not a sound could be heard. All eyes were strained towards the Bench and witness box.

The Judge Continued: "Why do you not answer my question? You

LILLIAN UNDER TRIAL

In Room 6 of the Juvenile Court Building there was a solemn hush. One of the spectators seated there was a woman, not young, yet not quite middle-aged, with a hard set look upon her face. She was a complainant against her 16-year old daughter. The charges which the mother preferred were that she used abusive language and made slanderous remarks which annoyed her to no end.

The mother's name was Mrs. K. Her clothes indicated that she had excellent taste and her manner gave evidence of good breeding. She was expensively clothed and wearing diamond rings. Several of her friends were present in the court, no doubt there for the purpose of bolstering her courage and feeling of righteousness.

At 10 o'clock sharp the Clerk of the Court called out, "Attention". All arose as the Judge entered and then quietly became seated. The Judge, gray-haired, middle-aged, and a kindly looking man, had already seated himself upon the bench and proceeded with the business of the day. The first case disposed of, which had no bearing on our story, was that of a delinquent young boy; this was settled within a half hour. Then the Clerk called out the name of Mrs. K., whereupon a side door leading off the courtroom opened and a matron ushered in a young girl about 16 years of age. She was dressed plainly, but well. Her pale, tense face showed that her emotions were strongly aroused and that she was fighting a battle within herself. Her dark, deeply set eyes, shone much too brightly as if from great suffering. The matron showed Lillian, the girl, where to seat herself.

Mrs. K. entered the witness box, placed her hand on the Bible held by the Clerk and swore to give evidence to the best of her ability, to "tell the truth and nothing but the truth".

Judge: "Is your name Mrs. K.?

Mrs. K.: "Yes, Your Honor".

אַריבער דעם גרעניץ

יאָ! זיי זענען אַריבער דעם גרעניץ, און עס איז אמת, אַז זיי זיינען אַריבער דעם גרעניץ. פונקט ווי אַנדערע טויזנט און טויזנטע, וועלכע זיינען אַנטלאָפן יענע צייט פון דער רוסיש יאַפּאַנישער מלחמה אין 1904, אַזוי האָבן אויך מאַטיע און יוסף געמוזט דורכמאַכן די נסיעות גרעניץ ביז זיי וועלן זיך דערשלאָגן צו אַ נייער היים. מאַטיע און יוסף זיינען געווען אָפּ־געדינטע סאָלדאַטן, נאָר צוליב דעם קריג האָט מען זיי פאַרהאַלטן. דאָס האָט געמיינט אַז די רעגירונג האָט געדאַרפט באַשליסן וואָס צו טאָן, איינס פון דיביידע: שיקן אַהיים אָדער אין מלחמה גלייך אין שלאַכט פעלד, קיין מאַנ־טשוריע.

און ניט לאַנג געטראַכט האָט גענעראַל קאָולבאַרס פון דעם אָדעסער גענעראַל שטאַב. באַשלאָסן צו שיקן דאָס אויסגעדינטע יאָר ניט אַהיים, נאָר אין מלחמה. גלייך קיין לעאַיאַן און מאַנטשוריע . . . די פאַרהאַלטענע סאָל־דאַטן האָבן זיך געגרייט, אַז אַט לאָזט מען זיי שוין אָפּ אַהיים. אַזוי האָבן מאַטיע און יוסף אויך געגרייט זיך צו זייער אַהיים גיין. און זיך פאַרזאָרגט מיט ציווילע קליידער, וועלכע זענען שוין געלעגן אין די סאָלדאַטסקע קעסטלעך איינגעפּאַקט, נאָר געוואַרט אויף דעם פּריקאַז סטראַאיטסיאַ גאָדאַק, דאָס מיינט צו גיין אַהיים.

מאַטיע און יוסף, צוויי פרעמדע קינדער, האָבן זיך פאַר דער צייט צוזאַמענגעלעבט ווי צוויי ברידער, און ניט אומזיסט האָט מען זיי אין פּאָלק גערופן די צוויי ברידער, און ניט נאָר אין פּאָלק, נאָר אויך אין שטאָט קאָ־טיערינאָסלאַוו. דאָס ווי זיי האָבן געדינט האָט מען זיי אויך גערופן די צוויי ברידער, דער סאָלדאַטן צווילינג. איין קערפּער, איין נשמה, איינע מאַנירן אין זוטען. גוטע נשמות, איידעלע קינדער. דאָס האָט זיי פאַרבינדן דאָס סאָלדאַטסקע לעבן.

שטיל, שפּעט אין דער נאַכט, ווען אַלע זיינען געשלאָפן אין קאַזאַרמע, נאָר דאָס גאַז לעמפּל האָט געברענט אויף דעם נידעריקן שיין, קוים וואָס מען האָט געקענט זען ווי אַ שורה נאָך אַ שורה בעטלעך זיינען געשטאַנען, אויס־געקוקט ווי מאַרשירענדע זעלנער פון דאָ און דאָרט האָט זיך געהערט אַמאָל ווי אַ סאָלדאַט קערט זיך איבער פון איין זייט אויף דער צווייטער, און לאָזט אַרויס אַ שנאָרך, איין אָטעם ווי פון אַ טיפן שלאָף.

נאָר דער דזשורנע פּאַראַטע, אָן אונטער אָפיציר האָט ביי דער שיין פונם צאַנק לעמפּל געשריבן דעם רעפּאָרט פאַר מאָרגן, און אַלץ האָט אויסגע־קוקט ווי עס שלאָפט . . .

די גאַנצע וועלט שלאָפט אין רו. די מענטשן, די נאַטור, דיביימער, דער וואַלד, דאָס פייגעלע, דאָס ווערעמל אין דער ערד שלאָפט, אפילו די שפּין אויף דער וואַנט שלאָפט אויך און זעטיקט זיך אין דעם שלאָף. אין דעם זיסקייט און און פאַרבאַרגעניש פונם שלאָף, וואָס מאַכט דעם מענטש ניי געַ־בוירן ביי זיין אויפשטיין. אין דער פרי האָט אין יענער נאַכט איבערגעריסן דעם שלאָף פונם געשריי וואָס דער דזשורנע פּאַראַטע האָט געגעבן. טרעוואָגאַ! סטראַיאיטסאַ ! ! אונטער צען מינוט צייט האָבן די אויסגעדינטע סאָלדאַטן וואָס האָבן געדאַרפט גיין אַהיים, געקראָגן אַ אָרדער שוין צו גיין צום פראָנט. אין מלחמה. מע האָט נאָר געקענט זען ווי די סאָלדאַטן האָבן שטיל געוויינט . . . קיין סאָלדאַט טאָר ניט וויינען . . . און באַלד האָבן זיך געצויגן צום וואָקזאַל סאָלדאַטן מיט זייערע ביקסן אויף די פּלייצעס, מיט זייערע קאַסטענס אין די הענט, מיט אַלע סאָלדאַטסקע חפצים וואָס יעדער האָט פאַרמאָגט.

און באַלד זיינען די וואַגאָנען אָנגעפּילט געוואָרן. דער וואָקזאַל האָט באַלד אויסגעקוקט ווי אַ שלאַכט פעלד. דאָ און דאָרט זיינען געוואָרן גרופּקעס מיט אָנגעלאָפענע מענטשן, באַקאַנטע פון די סאָלדאַטן, וואָס זיינען געקומען זאָגן אַ זיי געזונט און אַ גליקלעכע רייזע די סאָלדאַטן . . . וואו ניט וואו האָט זיך געלאָזט הערן אַ שטילער געוויין און אייניקע ווינקעלעך אַ געלעכטער אויף צו מינטערן די אַטמאָספערע, אָבער ער איז אויך געווען אויסגעמישט מיט געוויין . . .

דער קלוגער קאַפּיטאַן חילוויט, פון דער עקספּעדיציע האָט באַלד גע־געבן אַיין אָרדער דעם נאַטשאַלניק פון סטאַנציע צו מאַכן וואָס גיכער דעם טריין אַפּגיין פון שטאָט, כדי אויסצומיידן די ציווילע מאַסן וואָס האָבן אָנ־געהויבן שטראָמען צום וואָגזאַל . . .

אויפגעכאַפּט האָט זיך די גאַנצע שטאָט, גלייך ווי אַ מאַגנעט האָט אַלעמען אויפגעוועקט און געבראַכט צום וואָגזאַל. אין אַ יעדן ווינקעלע האָט מען נאָר גערעדט פון דעם גרויסן אומרעכט וואָס מען איז באַגאַנגען קעגן די אויסגעדינטע סאָלדאַטן, וואָס מען האָט זיי קיין צייט ניט געגעבן צו געזעגענען זיך מיט זייערע פריינט און טייערסטע. ווער ווייס צו זיי וועלן זיך נאָך אַמאָל זעהן . . .

דריי קלאַנג האָט געטאָן דאָס גלעקל. דער לאָקאָמאָטיוו האָט געטאָן אַ טקריפּ און אַ ריר, די סאָלדאַטן האָבן געקראָגן אַ באַפעהל אַ זינג צו טאָן

סאַשינקע מאַשינקאַ. אַ מאַסע געשרייען פון טויזנטער העלדזער האָט פאַר־הילכט די לופט פון וואַגזאַל — פּראַשצאַייטע, פּראַשצייטע, צום ווידערזען.

און איידער עס איז צייט געווען אויסצורײדן אַ וואָרט איז שוין דער טריין געווען פון יענער זייט בריק, וואָס פירט איבער דעם שיינעם טייך, וואָס הייסט דניעפּער, ווייט פון יענער זייט קאַטיערינאָסלאַוו . . .

אַריבער איז דער לאַנגער פרימאָרגן און אויך דער טאָג, און עס איז צוגעפאַלן די נאַכט. און עס איז געווען אַ זייער פינצטערע נאַכט, און אַ קאַלטע, אַ זאַווערוכע נאַכט, פון דעם מאָנאַט פעברואַר . . . געפייפט האָט דער ווינט מיט דער גרעסטער שנעלקייט, גלייך ווי עמיצער יאָגט אים נאָך.

מען האָט נאָך דערהערט אַ פייף פונם אינזשעניר און די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף סטאַנציע קאַזאַטין, און באַלד האָט מען געגעבן אַ באַפעל, פּערעסיאַדקאַ ! ! איבערצוזעצן זיך אין אַנדערע וואַגאָנען. מען האָט באַלד אָנגעפאַנגען צו טראָגן די ביקסן, די קעסטלעך, פּעק, אָבער עס איז שוין ניט געווען אַזוי גרינג, ווייל דער פאַיעזד מיט די וואַגאָנען וואו מען האָט זיך געדאַרפט איבערשפּאַנען טרעקס אַ סך, אַ ליידיק פעלד, וואָס איז געווען מיט אייז באַדעקט און גליטשיק. אַלעמאָל האָט זיך געהערט אַז אַנדער פאַל פון דעם אָדער יענעם סאָלדאַט.

אַזוי האָבן אויך געשפּאַנט מאַטיע און יוסף, טראָגענדיק אויף זייערע פּלייצעס דאָס גאַנצע סאָלדאַטסקע פאַרמעגן. בלייב שטיין האָט מאַטיע אויס־גערופן. גענוג האָב איך געטראָגן דעם סאָלדאַטסקן יאָך ! אָבער איך קען ניט מער. כ׳וויל זיך מיט דיר יעצט יוסף שיידן. מיין באַשלוס איז צו פאַרלאָזן רוסלאַנד און אַוועק קיין אַמעריקע . . .

ביי די ווערטער האָט איינער דעם צווייטן געדריקט צום האַרצן אין ביטערן געוויין. וויפיעל טרערן זיינען דאָרטן פאַרגאָסן געוואָרן אויף יענעם פעלד אין דער שפּעטער און פינצטערער נאַכט . . . ווער איז אומשטאַנד אַלץ איבער צו דערציילן.

און אַזוי האָבן יוסף און מאַטיע באַשלאָסן צו פאַרלאָזן רוסלאַנד,ביידע צוזאַמען.

מאַטיע און יוסף האָבן געעפנט זייערע קעסטלאַך, אַנגעטאָן זייערע צעווילע קליידער, איבערלאָזנדיק זייערע ביקסן און פאַרמעגן אויף יענעם פינצטערן אָרט וואָס הייסט סטאַנציע קאַזיאַטין . . .

גיך איז געלאָפן דער שנעלצוג קיין קאַמענעץ פּאָדאָלסק, וואָס האָט זיך אַזוי געהודעט און געוויגט, און די וואַגאָנען האָבן אונטערגעקרעכצט גלייך

מיט אירע צוויי פּאַסאַזשירן, מאַטיע און יוסף, וואָס זיי איז געווען אַזוי פינצטער און ביטער אויף זייערע הערצער.

אַ פייף פונם לאָקאָמאָטיוו און דער טריין איז שטיין געבליבן אין סטאַנציע לאַרגע, פון דאַנען האָט מען שוין געמוזט נעמען אַ דראָשקע קיין קאַמענעץ. און ווי מאַטיע איז נאָר אַריין אין דראָשקע, דאָ איז דאָ דער זשאַנדאַר מיט דער גרויסער באָרד. זאָגט מיר אינגעלעך: וואו פאָרט איר? ווייזט מיר נאָר אייערע פּאַספּאָרטן. עס האָט ניט געהאָלפן דאָס בעטן. קיין טענות און דער זאַנדאַר האָט מיט אַ בייזער שטימע אַ זאָג געטאָן פּאַספּאָרטן, אָדער קומט צום דעזוירנעם אַפּיציר אין סטאַנציע אַריין. ער וועט באַשליסן וואָס צו טאָן מיט אייך. זענט איר אַנטלאָפענע סאָלדאַטן, וועט ער אייך אָפּשיקן צוריק אין אייער פּאָלק פון וואַנען איר זענט אַנטלאָפן . . . דאָס האָט נאָר געמיינט פאַר זיי אַז אין 24 שעה דאַרף מען זיי שיסן בײדע.

מאַטיע איז בלייך געוואָרן ווי אַ מת. אַ קאַלטער שווייס האָט אים באַשלאָגן. ער האָט אָנגעהויבן פּלאָנטען מיט די פיס, גלייך ווי ער וואָלט זיין טויט שיכור. זיין לשון האָט אָפּגענומען ווען ער האָט עפּעס יאָ געוואָלט זאָגן, האָט ער גאָר עפּעס געשטאַמעלט, וואָס מען האָט גאָרניט געקענט פאַרשטיין קיין וואָרט.

נאָר ניט פאַרלוירן קיין מוט . . . קיין צייט . . . האָט אָבער יוסף, וואָס האָט זיך קאָנטראָלירט, און האָט באַגריפן יענע מאָמענטן וואָס הייסט פאַר זיי די מאָמענטן פון רעטונג, און אַרויסגעכאַפּט אַ פולע האַנט פון זיין פּאַקעט מיט רובעלס און אַזאָג געטאָן צום זשאַנדאַר: דאָ איז געלט! ! דאָ איז אונזער לעבן ! ! ! איינס פון די בײדע, נעם מיט אַזאַ טאָן, אַזש דער זאַנדאַר האָט גענומען דאָס געלט. און יוסף האָט געטאָן אַ שפּרונג אַריין אין דראָשקע צו מאַטיען און אַ געשריי געטאָן צום קוטשער פּאַגאַנאַי . . . ראַדי . . . באַגאַ . . . סקאַרע . . . דאָ קאַמענעץ. טרייב וואָס די קענסט גלייך קיין קאַמענעץ.

קומענדיק קיין קאַמענעץ האָט מאַטיע אָנגעוויזן יוסף׳ן, קלאַפּ אַן אין דער טיר און זאָג אַז די סחורה איז אָנגעקומען, מיט דיר צוזאַמען.

ענטפערן יוסף׳ן האָט די פרוי געזאָגט: מיר וואַרטן שוין פאַר איר אומגעדולדיק. און געטאָן ווי אַ רוסישער קאָזאַק האָט די זעלבע פרוי. זיי בײדע אַרויסבאַגלייט פון דער שטאָט קאַמענעץ, אין יענע נאַכט, ווי אַ שליטן מיט דריי פערד געשפּאַנט האָט שוין דאַרטן געוואַרט פאַר זיי וויט אונטער דער שטאָט . . . און די פרוי איז פאַרשוואונדן אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט, און יוסף און מאַטיע זענען ווייטער אַוועק אין וועג, וואָס האָט געפירט קיין אורינעץ.

געשפּאַנט האָבן די פערד העלדיש און זיך גרויס געהאַלטן, גלייך ווי זיי פירן די גאַנצע וועלט. איינער פון זיי האָט אַלע מאָל אַ הירזשע געטאָן אויפן גאַנצן קול. די גלעקעלעך פון דער אויבראַניע האָבן צוגעקלונגען מיט דעם ווינט, וואָס האָט די ביימער צווייגן געהוידערט און געוויגט, און דאָס פּאַרפּרוירענע אייז האָט אַזוי געקנאַקט, גלייך ווי אַ טאַסקאַניני אָרקעסטראַ מוזיק; און דאָס שליטאַלע האָט זיך אַלע מאָל געגליטשט פון איין זייט צום צווייטן און דער שניי האָט אַזוי אונטער דעם שליטעלע אונטערגעסקריפּעט, און דער קוטשער האָט אַלע ווײַלע אַ דריי געטאָן זיין בייטש אין דער לופטן און אַ רעד געטאָן צו זיינע פערדלעך, נאַ נאַ נאַ, וועסעלעי רעביאַטאַ, און זיך צעזינגען מיטשיטסאַ טראַיקאַ פּאַצטאַוואַיאַ — פּאַ וואָלגע מאַטושקאַ זימאַ.

אַך ווי עס האָט זיך געגלוסט פאָרן, פאָרן, פאָרן, עפּעס האָט זיך דאָס פאָרן אַנטוויקלט צו אַן עקסטאַז פון דערהויבנקייט, און האָפנונג, און — האָט אויפגעלעבט זייער געפּאַלנקייט, וואָס האָט אַזוי פיל געפּרעסט זייערע הערצער.

אָבער אָט האָט זיך דערהערט דאָס בילן פון אַ הונט וואָס איז געלעגן לעבן דער זייט פונם וועג און זיך געבייזערט ווי ער זאָל זיין דער גאַנצער בעל הבית פון יענעם שטעטל, ער זאָל דערלויבן אַריינצופאָרן, און אָט האָט זיך דערהערט דאָס אויסקלינגען פונם שטאָט־גלאָק, צוועלף אַזייגער ביינאַכט פון יענעם שטעטל וואָס הייסט אוריניען.

מאַטיע האָט אָנגעוויזן דעם גוי וואו זיך אָפּצושטעלן און אים אָנגעזאָגט דעם גוי — פּונקט דריי אַזייגער גלייך, ניט שפּעטער, קומען נעמען זיי פון דעם הויז.

ביי יענעם הויז וואו מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט איז געווען פינצטער. קיין שיין פון אַ ליכט, און עס האָט אויסגעזען אַלעס שלאָפט, ווייל דאָס שטעטעלע אורינען איז געווען איינגעוויקלט אין אַ טיפן שלאָף. נאָר פון געציילטע קוימענס האָט געררייכערט. וואָס דער רויך האָט אַזוי זיך געקייקלט גלייך ווי ער האָט געמאָלן בילדער אויפן הימעל.

דאָס הויז איז געווען וואו מאַטיעס עלטערן האָבן געוואוינט, וואו די גאַנצע פאַמיליע, און פריינט האָבן זיך פאַרזאַמלט צו זאָגן אַ זיי געזונט, בעפאַר מאַטיעס אָפּפאָרן קיין אַמעריקע.

ווען זיי זיינען צו צו דער הויז האָט זיך שוין די טיר אַליין געעפנט. אַ שטילער געוויין האָט אויסגעבראָכן, וואָס האָט געקענט רירן אַ שטיין. עס האָט אויסגעזען אַז ניט נאָר צווישן די מענטשן, נאָר די ווענט פון הויז האָבן מיטגעוויינט, טראַגיש איז געווען מאַטיעס באַגעגענען.

אבער דאס געזעגענען איז געווען נאך טראגישער. וואס דארט האט זיך אפגעטאן אין יענער הויז אין די דריי שטונדן איז אומעגלעך צו באשרייבן. טרערן, טרערן, וואס האבן זיך דארטן פארגאסן אין יענע הויז אין דער פינצטערניש, ווייל עס האט ניט געטארט זיין א שיין פון ליכט וואס האט זיך אויסבאהאלטן פון דער גאנצער וועלט כדי מען זאל ניט וויסן וואס דארטן קומט פאר.

נאך דער זייגער אויף דער וואנט האט אלע ווייל אונטערגעקלאפט טיק־טאק, און האט באוויזן אז עס איז שוין ניט ווייט פון דריי, און מען האט זיך אנגעפאנגען צו געזעגענען מיט מאטיען; שוועסטער, ברידער, פעטערס, מומעס און פריינט; דער פאטער, אם ענדע די מאמע . . . יענע בילד איז אומפארגעסליך, יענע שווערע מאמענטן אין מענטשלעכן לעבן. אבער! טראגישער פון דער גאנצער פאסירונג איז געווען דאס וואס אין א זייט איז געזעסן יוסף, ווי א פאר־יתום־טער פון דער גאנצער וועלט, וועלכער איז ניט געווען קיינעמס, אדער ווי מען רופט עס „קיינעמס לאנד״! אדער רופן זיך ווי יענער קאפיטאן פון שיף, „אי עם עלאן״, ווי פארגעסן פון דער גאנצער וועלט. נאר טרערן האבן זיך געקייקלט פון זיינע שיינע אויגן צוקוקנדיק וואס גייט פאר אין דער הויז. מאמע, האט מאטיע אויסגערופן, דאס איז מיין פריינט יוסף. דאס איז מיין פאטער וואס באשיצט מיך היינט . . . און מאטיעס מאמע האט אירע הענט אויסגעשטרעקט, און יוסף איז אין אירע ארעמס צו איר הארצן זיך צוגעטוליעט, ווי א אייגן קינד. מיט די ווערטער בענטש אונז מאמע, מיט דיין מוטערליכע ווינטשווארט, צו אונזער לאנגער נסיעה וואוהין מיר גייען און האט געשטיקט זיך אין טרערן . . .

א קלאפ אין טיר האט איבערגעשלאגן אלעס. דאס איז געווען דער פורמאן נאך זיינע פאסעדזשירן. דריי אזייגער!

ביים ארויסגיין פון הויז, וואס דארטן האט זיך אפגעשפילט. אין יענע מאמענטן זיינען געבליבן איינגעקריצט אין מוח פאר אייביקער אנדענקן.

פון הויז איז קיינער ניט ארויס, נאר מאטיע און יוסף. פון יענער זייט טיר איז געשטאנען א שליטן, נאר אן אנדערער, אנגעפילט מיט היי. געשפאנט איין פערד, ניט דריי ווי בעפאר, און אן גלעקלעך, ווייל אלעס האט שוין געמוזט צוגיין שטיל. דער אייגענער קוטשער איז שוין געווען אנגעטאן ווי א סאלדאט מיט א שינעל. ארייגעזעצט מאטיען און יוסף׳ן אין שליטן אריבערגעדעקט זיי מיט די היי איבער זייערע קעפ, מען זאל זיי ניט זעהן, און א טרייב געטאן דאס פערדל צום גרעניץ.

פון הויז האט זיך נאר אייןווארט געהערט נאכשרייען. מאטיע, פארגעס ניט דיין מאמע! מאטיע איז געווען א פארלוירענער. יוסף האט אים גע־

מונטערט כסדר. געזאָגט, אַט טו אַ קוק אויף מיר. איך האָב אויך אַ מאַמע. מיין מאַמע שלאָפט ניט אַצינד. זי ווייסט אַז איך שטיי בעפאָר דער גרעניץ. אַד ווי זי פאַרגיסט איצט טייכן טרערן. די וועלט ווייסט ניט פון דעם, אָבער דו, דו דאַרפסט דאָך יאָ פאַרשטיין מיין לאַגע, און איך פאַרליר זיך ניט. שטאַרק זיך . . .

עס האָט זיך דערהערט דעם גויס שטימע: טשע רעביאַטאַ מי וואַזליע גראַניצע — רעדט שטילער, מיר זיינען לעבן גרעניץ.

הויך איבער זייערע קעפּ איז געווען באַדעקט מיט היי, וואָס האָט אַזוי אַראָמאַטיש געשמעקט. יעדעס זאַנגעלע, יעדעס גרעזעלע, וואָס איז געווען אויסגעמישט מיט די היי, דאָס ראַמאַשקעלע, די וואַסילקי, די טרויכאַ, דאָס רייזעלע, דאָס אַלעס שטעלט צוזאַמען דעם געשמאַק פון דער נאַטור. יעדעס ווינטעלע וואָס האָט געטאָן אַ בלאָז איז אַריין טיף אין דער נשמה, דער גרויסער דופט פון דער נאַטור וואָס פילט אַן אויף גאָט׳ס ערד.

לאַנג האָט זיך געצויגן די שטונדע ווי אַן אייביקייט. נאָר אָט איז דער שליטן שטיין געבליבן ביי אַ זייט פון אַ וועלדל, און דער גוי האָט זיי אַ זאָג געטאָן: איר בלייבט דאָ פאַר צען מינוט, ביז איך קום צוריק. איך גיי זעהן צו די וואָך איז אין אָרדנונג און מיר קענען אַריבערגיין.

מער לענגער פון אַלץ זיינען געווען די צען מינוט, ווייל דער גוי האָט זיך פאַרזאַמט מער ווי אַ שעה צייט און אַז ער איז צוריקגעקומען האָט ער אַ זאָג געטאָן, ס׳איז שלעכט. ס׳איז ניט די וואָך וואָס מיר האָבן געוואָלט. אַן אַנדערע, אַ שלעכטע. זאָלן מיר דאָ וואַרטן ביז זי וועט זיך בייטן, אַנדערע אין 24 שעה אַרום.

שלעכט איז געווען. לאָזן זיך גנבענען דעם גרעניץ. אָבער ערגער איז געווען צו וואַרטן נאָך אַ מעת לעת צייט. און מיר האָבן באַשלאָסן צו גנבענען דעם גרעניץ. די נאַכט איז געווען זייער אַ פינצטערע און מען האָט מורא געהאַט אַז מען זאָל זיך ניט פאַרלירן איינער פון דעם צווייטען אין דער פינצטערניש, ווייל רעדן האָט מען ניט געטאָרט. אַלע דריי געשלאָסן זיך האַנט און האַנט פעסט, און אַוועק צום גרעניץ. שטיל אויף די שפּיץ פינגער האָבן מיר זיך גערוקט. אַלע ווילע צוגעלייגט דעם אויער צו דער ערד און געהערט צו מען יאָגט אונז ניט נאָך.

האַרט ביים גרעניץ האָט מען זיך געמוזט אַראָפּגליטשן פון אַ הויך בערגל. אין טאָל איז געווען אַ שמאָל פאַרפרוירן וואַסערל און פון יענער זייט וואַסערל איז שוין געווען עסטרייך. אַראָפּגעגליטשט זיך דאָס בערגעלע

ציטערנדיק מיט אַלע אברים האָבן מיר שטיל, טריט ביי טריט זיך געררוקט, אינטש ביי אינטש, גערוקט אַלץ נענטער און נענטער צו דער פרייער וועלט, צו דער באַפרייאונגס וועלט, מיט מוט און האָפנונג פאַר אַ בעסערע צוקונפט.

און אַט האָט זיך מיט אַ מאָל דערהערט דאָס געלאַף פון דער גאַנצער וואַך, מיט אַ געשריי: סטאַי סטרעליאַט בודים! (בלייבט שטיין, אַניט שיסן מיר!). און באַלד האָט פאַרהילכט די לופט מיט אַ זאַלפּ (אַ שאָס) און נאָך איינע אין דער הויך. מאַטיע און יוסף זיינען געוואָרן אומבאַוועגליך און דער גוי האָט זיי ביידן אַ כאַפּ געטאָן ווי צוויי קליינע קינדער אויף די הענט און געטאָן אַ לויף גיך און אויסגעשריען: מיר זענען אין עסטרייך!

מאַטיע האָט געכאַפּט קושן דעם גוי. און ווען ער האָט געוואָלט זיך צוקושן מיט יוסף׳ן, איז יוסף געלעגן אויף דער ערד ווי אַ טויטער, אומבאַוועגלעך.

אין אַ פּאָר טעג אַרום, אין יענעם שטאָט האָרט ביים גרעניץ וואָס הייסט סקאַלע, דאָרט אין אַ הויז אין קראַנקן בעט, אַ נוירס ביי דער זייט, איז געלעגן יוסף אין אַ קריטישן צושטאַנד. ביים צווייטן זייט בעט איז געשטאַנען מאַטיע, אַנגעבויגן איבער יוסף׳ן, און מיט איין האַנט געריקט דאָס טיכעלע מיט אייז איבער יוסף׳ס שטערן, און מיט דער צווייטער האָט געווישט זיינע אייגענע טרערן פון די אויגן.

און ווען יוסף האָט געעפנט זיינע אויגן און ווידער האָלב פאַרמאַכט האָט מאַטיע מיט פרייד און טרערן אויסגעשריען. שטאַרק זיך, יוסף. די טירן פונם פרייען לאַנד אַמעריקע זיינען אָפן פאַר אונז, ווייט און ברייט. שטאַרק זיך . . .

און יוסף האָט קוים אַרויסגערעדט. זיינען מיר שוין אַריבער . . . אַריבער . . . אַריבער דעם גרעניץ . . . גרע . . . ניץ: אַך גאָט אין הימעל: ווי שווער עס איז אַריבערצוגיין דעם גרעניץ.

הײמװײ — איך בין קײנעמס

1

שטיל אַ הײמװײ אין מיר פּלאַטערט,
אַ שטילער בענקשאַפט אַז אַ פרײַנט,
װי אַ פױגל װאָס בלאָנדזשעט ערגעץ,
אַז אַ מאָרגן און אַז אַ הײַנט.

ק אָ ר ו ס . . .

ניט איך בעטל, ניט איך װײַן,
װאָס געצערט, װאָס געטראַכט,
איך בין קײנעמס, איך בין קײנעמס.
קײנער מײַנער, קײנער מײַנער.
מײַן פרײַנט איז מיר דער װינט און נאַכט

2

דריקט דער יאוש, שרעקט דער אומרו,
װי געשפּענסט נאָך האַלבער נאַכט;
אױסגעשפּילט דעם לעצטן ניגון,
און קײן אױסװעג נישט דערטראַכט.

ק אָ ר ו ס . . .

3

װאַרגט אַ לעצטער װי אין האַרצן,
און עס מאָנט, װי לאָזטו צו,
דעם לעצטן בלאַט פון צװײַגל פאַלן,
נישט אומקערן מיר די רו ?

ק אָ ר ו ס . . .


Keinems, ich bin Keinems, Keiner mainer, Keiner
mainer, main Fraint is mir, Der wint un nacht, ich bin
Keinems, ich bin Keinems, Keiner mainer, Keiner
mainer, main fraint is mir, der wint un nacht.


shtil a heim wei, in mir fla-tert, a shtiler
benkshaft on a fraint, wi a foi-gl, Vos blondzet ergetz wos hot kain
chorus
mor-gn, un oich kain haint nit ich be-tl, nit ich
wein wos ge-zert wos ge-tracht, ich bin

A LULLABY IN A CRADLE

אויסגעוויגט די קינדער.

My dear Child, sleep
A mother's heart feels deep
That you shall never know pain
For a mother's love, never vain
In your laughter you are so bright
A mother's heart feels full of light.

In my joy a lullaby did sing
When in my arms I then rocked
Thru misery and sleepless nights
I watched over you for you were my eye — lights.
Now you are men, and married,
A mother that has them through all pain carried
They have forgotten.

In hungar and in thirst
Children, you always came first
In pain you were born
A mother's heart in twain torn.
And then, like birds, away flew
A mother's heart that remains always true
You have forgotten.

When children fare well
A Poor mother out of grace fell
A mother old and grey
To a poor house finds her way
Begs a place to sleep
Strangers shall her keep
A mother that children have forgotten.

(דיזע ליד איז אַן איבערזעצונג פון זייט 97)

רײזעלע

יונה דעם חזנס טאָכטער

מעלאָדראַמאַטישע קאָמעדיע אין אײן אַקט.

פ ע ר ז א נ ע ן :

ר׳ יונה, דער חזן, 50 יאָר אַלט.
חאַשע, זיין ווייב, 45 יאָר אַלט.
רייזעלע, זייער טאָכטער, 20 יאָר אַלט.
מאָטעלע, איר געליבטער (אַ סטודענט) 25 יאָר אַלט.
ר׳ שניאור, דער דיין, יונה׳ס מחותן, 55 יאָר אַלט.
זאַלמענקע, זיין זון, יונגער רב, 26 יאָר אַלט.

(די אַפּהאַנדלונג קומט פאָר אין אַ קליין שטעטעלע אין דער אַלטער היים, פאַר דער מלחמה, ווען דאָס לעבן איז געווען טראַדיציאָנעל און דער יחוס פון פאַמיליען לעבן האָט דעצידירט דעם גורל פון גליק און ליבע.

די סצענע שטעלט פאָר אַ גרויס צימער: אין ווינקל אַן אלמער מיט ספרים, אויפן אַלמער אַ מנורה, אין מיטן אויף דער וואַנט הענגט דאָס בילד פון ווילנער גאון, אין מיטן שטוב אַ טיש מיט בענקלעך, אויפן טיש אַ סאַמאָוואַר.

איידער די פאָרהאַנג הייבט זיך אויף, הערט מען שטיל אַ כאָראַל ברומען פון אַ גמרא ניגון, שטופּנווייז געהעכערט און שפּעטער געענדערט אין אַ געזאַנג וואָס יונה זינגט ומפּני חטאינו, און אַלע האַלטן אים אונטער. רייזעלע זינגט, פון הינטער דער בימה הערט זיך איר געזאַנג.

יונה, שניאור און זאַלמענקע, פריילעך זיצן. זאַלמענקע אָנגעטאָן אַ קאַפּאָטע, שוואַרץ בערדעלע, פּאות. אין מיטן אַ טיש, לעקעך, בראַנפן. שניאור און זאַלמענקע זינגען נאָך שטיל, אונטער דעם פאָרהאַנג ווערט נאָך שטילער דאָס געזאַנג.)

יונה: ומפני חטאינו גלינו, גלינו מארצנו ונתרחקנו מעל, מעל אדמתנו, מעל, מעל אדמתנו, מעל אדמתנו.

שניאור: (באַגייסטערט) אַי, טייער ווי די וועלט. איר הערט, מחותן, אייער דאַוועגעז ביי אונז אין שטעטל ימים נוראים האָט געמאַכט אַ שם, אַ קלייניקייט? יונה דעם חזנ׳ס דאַווענען!

זאַלמענקע: (דעם טאַטן אין אויער) טאַטע, ווי איז די כלה, איך וויל איר שוין זען.

שניאור: וועסט איר נאָך זען, און רעדן מיט איר.

זאַלמענקע: איך וויל איר אויסלערנען דיני נשים.

שניאור: איר הערט מחותן. אַלע גרעסטע לייט פון אונזער שטעטל זענען זיך שוין צונויפגעפאָרן צו אונזערע קינדערס׳ חתונה. אם ירצה השם פאַר מאָרגן. איר הערט ווער ס׳איז געקומען? רב פּסאַכיעלע, רב דודל און דער רבי אַליין זאָל לעבן, מיט זיין גבאי, איז געקומען אויך, און די רביצן. יאָ, יאָ, זיי קומען.
(אַלע פריילעך).
(יונה נעמט זיי און פירט זיי צום טיש. זעצן זיך פריילעך. גיסט אָן די גלעזלעך).

יונה: נעמט עפּעס אין מויל אַ לחיים. זייט היימיש דאָ אין שטוב ביי מחותן יונה, דעם חזן. (נעמען די גלעזלעך).

יונה: לחיים מחותן, לחיים חתן, און זאָלסט מיר זיין אַ גוטער איידים, הערסט!

זאַלמענקע: אוואדע, אוואדע.

שניאור: לחיים מחותן, צו פירן אונזערע קינדער צו דער חופה אין אַ גוטער שעה. דאַנקן גאָט, זיך דערלעבט.

שניאור: (טרינקט באַגייסטערט) איר הערט מחותן, עפּעס פיל איך אַזוי ווי אַ טאַנץ צו טאָן, פריילאַך, פריילאַך.
(טוען זיך אַ שטעל גיך, רויטע טיכעלעך, שטעקן אין גאַרטלען, נעמען זינגען, טאַנצן חסידיש, קלאַפּן אויס מיט די פינגער ווי מען זינגט נאָכ׳ן טאַקט. געזאַנג פון אמר רבי אליעזר, יאָ אַפּיקורסמלעך, געדענקט).

אַלע דריי: (זינגען טאַנצן) אַי, נאַ, נאַ, נאַ; נאַ, נאַ, נאַ.
יאָ אַפּיקורסמלעך, געדענקט.
סע וועט אייך גאָר ניט זיין געשענקט.
יאָ, יאָ, יאָ, געדענקט, סע וועט אייך ניט זיין געשענקט.

(הערן אויף, ווישן זיך דעם שווייס. יונה און שניאור זעצן זיך צום טיש. זאַלמענקע גייט, שטעלט זיך אַריין צום שפּיגל — ליבלעך מאַכט גרימאַסן, רעדט אַריין).

זאַלמענקע: רייזעלע, איך זע דיך. נעם מיך אַרום. איך וועל זיין דיין מאַן מאָרגן. קוש מיך, רייזעלע. איך וועל דיר לערנען תחינה זאָגן. אַ יאָ, דו גלייכסט מיך, רייזל ?

שניאור: אַזוי פאַרבראַכט טייער, אָבער מיר האָבן זיך פאַרזאַמט. סע איז דאָך ערב חתונה. איבערגעלאַזט מחותנים, יאָ, מיר גייען זאַלמענקע, אַהיים.

יונה: גייט געזונטערהייט, טייערע, מיינע.
(געבן זיך די הענט, פריילעך געזעגענען זיך).

אַלע דריי: אַ גוטע נאַכט.
(שניאור, זאַלמען גייען אַוועק. בעפאָר דער טיר קריכט זאַלמען אַרויף אויף דער וואַנט, צעלאַכט זיך אַליין. א׳פ יונה בלייבט פאַרטראַכט).

יונה: יאָ, יאָ, טאַטע זיסער אין הימל. ווער קען פאַרשטיין דיינע דרכים ? ביי מיר, יונה חזן, האָט דאָס ניט געדאַרפט פאַסירן. אַז איך זאָג צו מיין רייזעלע, איך וויל זאַלמענקע פאַר אַן איידים, זאָל מיר מיין רייזעלע זאָגן, אַז זי וויל גאָר פאַר אַ חתן מאַטעלען, דעם סטודענט. אַלע רופן דאָך אים מאַקסים גאָרריע, אַ קליינינקייט, זאַלמענקע ! אַ רב, אַ שיינע משפחה פון רבנים, דיינים, איינגעטונקט אין יחוס (רופט) רייזעלע, רייזעלע קום אַהער.
(רייזעלע קומט געלאָפן).

רייזעלע: טאַטע, וואָס ווילסטו ?

יונה: הערסט, רייזעלע ? אַזוי האָב איך באַשלאָסן און אַזוי וועט עס בלייבן. מאָרגן האָסטו חתונה מיט זאַלמענקען.

רייזעלע: טאַטע, דו ווייסט אַלעס, איך קען ניט חתונה האָבן מיט זאַלמענקען.

יונה: (בייז) דער טאַטע זאָגט יאָ, איז יאָ. גענוג מיר פון דיר די בושה צו ליידן.

רייזעלע: (ערנסט) טאַטע, אויב דו האָסט אַ פאַטערליך האַרץ, דאַרפסטו זיך רעכענען מיט דיין קינדס געפילן, מיט דיין קינדס נשמה, מיט דיין קינדס צוקונפט. וואָס קען מיר דערוואַרטן.

יונה: (בייז) וואָס הייסט ! ניט פאָלגן דיין טאַטן ? דער טאַטע זאָגט, יעצט איז טאָג, דאַרף זיין טאָג. דער טאַטע זאָגט, יעצט איז נאַכט, דאַרף

זיין נאַכט. איך זאָג ס׳איז דיין גליק, דאַרפסטו מיר גלויבן, אַז ס׳איז דיין גליק. אַזוי זאָגט דער טאַטע, און שוין, קיינע רייד ניט מער. הערסט ? !

רייזעלע: (פאַרטראַכט) טאַטע, דו רעדסט וועגן גליק, קאָן מען דען ווענען צווינגען קעגן זיין ווילן? צווינג מיך נישט, טאַטע. מיין האַרץ האָב איך אַן אַנדערן שוין אַוועקגעגעבן . . .

רב יונה: (אין כעס) הערסט ? דאָס וואָס איך האָב באַשטימט, דאָס וועט בלייבן. (גיט אַ קלאַפּ אין טיש און גייט אַרויס). א״פ.

רייזעלע: (בלייבט אַליין, ווישט די אויגן, אַרומגייענדיק עטלעכע מאָל, פאַנגט אָן זינגען פאַרחלומט):

עס קאָן מיין האַרץ נישט איינרוען,
כאָטש שפּעט איז שוין נאָך האַלבער נאַכט:
נאָס פון טרערען ווערט מיין קושן,
נאָר איך ווייטיק, נאָר איך טראַכט . . .

רעפריין: דאָס איז מיין האַרץ,

וואָס איז פאַרליבט;
דאָס איז מיין טרוים,
וואָס איז באַטריבט . . .
דאָס איז מיין וועלט
פאַרצערט פון לייד;
דאָס איז מיין האַרץ,
וואָס איז צעשיידט . . .

נאָר איך ליג און חלום פון דיר,
חלומות פון כישוף אָן סוף . . .
איך פיל דיין צערטלען, דיין קושן הייס,
דיין ליבע פאַרוויגט מיך אין אַ שלאָף . . .

רעפריין: א. א. וו. . . .

אַ, מיין חלום, פרייד פון לעבן,
ביסט מיין רייצנד, שיינע בלום . . .
דיינע אויגן, בלויע הימלען
כ׳טראָג אין האַרצן זיי אַרום . . .

רעפריין: א. א. וו. . . .

טרערן פיל האָבן מיר פאַרגאָסן,
ווייל מיר האָבן זיך ליב,
קיינער קאָן אונז מער צעשיידן,
סיידן טויט און שוואַרצער גרוב . . .

רעפריין: א. א. וו. . . . (אָפּ)

(מוזיק פון „מיין הארץ וויל נישט איינרוען״ געפינט איר אויף זייט 86)

צווייטע סצענע

יונה: (קומט, שרייט אַריין אין דער קיך) כאַשע, כאַשע! מ׳דאַרף שיקן צום שוחט און קוילענען נאָך אַ 25 הינער און נאָך אַ צענדליק גענדז! און איך גיי צו יאָסל שענקער, ער זאָל אַריינשיקן נאָך אַ דריי עמער בראָנפן.
(כאַשע קומט אַריין געלאָפן, אָנגעטאָן מיט אַ ווייסן פאַרטוך און אַ טשעפּטשעק אויפן קאָפּ. אַ שיינע פרוי ווי ביי קיך אַרבעט).

כאַשע: וואָס טויג דיר הינער! וואָס טויג דיר בראָנפן, אַז די כלה וויל ניט דעם חתן און וויל ניט גיין צו דער חופה מיט אים.

יונה: אַלעס איז פאַרטיק צו דער חתונה, און איך זאָג . . . סע וועט זיין אַ חתונה. הערסט! הערסט! מאָרגן איז די חתונה.

כאַשע: וואָס ווילסטו פון רייזעלען? זי גייט דאָך איין ווי אַ ליכט. אַז זי וויל ניט דעם חתן דאַרף מען איר ניט צווינגען. פאַרשטייסט, צו ווילסט ניט פאַרשטיין וואָס דאָ טוט זיך?
(גייען ביידע אַוועק אין קיך אומצופרידענע, יונה רעדט אין כעס).

יונה: וואָס איז דאָס פאַר אַ רייד, האַ?!
(ביידע א״פּ).

דריטע סצענע

רייזעלע: (קומט אַריין אַ בלייכע, גייט אַרום אַ פאַרטראַכטע) וואָס טוט מען, וואָס טוט מען? ניין! איך וועל זיך נישט לאָזן פאַרקויפן, צו אַ מענטשן, וואָס כ׳ליב נישט! אַ, ניין! איך וועל נישט צוליב דער עקשנות פונם טאַטן מיין לעבן צעשטערן . . . מיינע זיסע חלומות, מיין צוקונפט צעשטערן . . . (בלייבט שטיין און זינגט)

דאָס ליד „גיב מיר דיין האַנט״

פאַר ווען עס איז ליכטיק די נאַכט,
פאַר מיר איז גאָר פינצטער דער טאָג . . .
ווער פילט דען די ליידן פון ליבע,
וואָס טיף אין מיין הארץ איך טראָג . . .

רעפריין:

גיב מיר דיין האַנט,
און נעם מיך אַרום —
פאַרבלייב איך דיין פריינט,
וואָס גיכער, אַ, קום !

קוש מיך מיט פרייד,
דריק מיך צו דיין האַרץ,
דאַן וועט פאַרשוואונדן
מיין בענקשאַפט און שמאַרץ . . .

פאַר ווען עס שיינט די לבנה,
פאַר מיר איז גאָר פינצטער די זון . . .
אַ ליבע געטוליעט אין כישוף,
יעצט בלייבט גאָר אַ חלום דערפון . . .

רעפריין:

גיב מיר דיין האַנט . . .

פאַר ווען די וועלט איז אַ גן עדן,
פאַר מיר גאָר אַ פינצטערער גרוב . . .
ווי קאָן איך פון דיר זיך אפשיידן,
אַז איך האָב דיך אַזוי הארציק ליב . . .

רעפריין:

גיב מיר דיין האַנט . . .

(מוזיק פון „גיב מיר דיין האַנט” געפינט איר אויף זייט 93)

מאַטעלע: (קומט אַריין, בלייבט שטיין ביי דער טיר, הערט זיך איין, שפעטער גייט ער צו צו רייזעלען, נעמט איר אַרום, רייזעלע פאַלט אין זיינע אַרעמס און וויגנדיק זיך געאַרעמט זינגען זיי צוזאַמען):

רעפריין:

גיב מיר דיין האַנט . . .

רייזעלע: אַ, מאַטעלע, ווי גוט איך פיל זיך מיט דיר!
מאַטעלע: און מיר דאַכט זיך, אַז אײביק, אײביק וואָלט איך אַזוי מיט דיר געקענט זיך טוליען און וויגן זיך אין אַ גליקלעכן חלום . . .

רייזעלע: (וויינט פאַר פרייד, נאַאיוו) וועסט מיך שטענדיק ליבן?

מאַטעלע: אײביק, אײביק . . . ביסט אַ שטיק פון מיין לעבן . . . מיין גאַנצע בענקשאַפט, מיין חלום אויף דער וואָר . . . (דעצידירט) הער, רייזעלע, איך זע, ווי דיין טאַטע וויל ניט פאַרשטיין אונזער נשמה, איך זע, ער וויל אונז צעשיידן . . . אָבער וויסן זאָלסטו, דורך יסורים און ליידן, וועל איך ווייטער קעמפן, ביז כ׳וועל דיך דערגרייכן . . . ביז דו וועסט מיינע בלייבן אויף אײביק . . .

רייזעלע: מאַטעלע, איך קאָן אָן דיר ניט זיין. מיין גאַנץ לעבן פאַרלירט זיין חן אָן דיר . . . גיב אַ טראַכט, וואָס מיר דאַרפן טון . . . גיב אַן עצה . . .

מאַטעלע: וואָס זשע, זאָלן מיר טון? דו זעסט דאָך ווי דער טאַטע דיינער, האָט זיך איינגעשפּאַרט און פאַרוועדט מיך צו קומען צו דיר, און נאָדיר, אַט האָט ער דיר איינגעהאַנדלט אַ חתן און שוין וויל ער דיך באַגראָבן מיט אַ פרעמדן מענטשן, נאָר דערפאַר, וואָס ער שטאַמט פון יחוס, און איך נישט . . .

רייזעלע: דיין יחוס, מאַטעלע, איז פאַר מיר דיין ליבע, און דאָס איז מיר קאָסטבאַרער פון אַלץ אין דער וועלט . . .

מאַטעלע: רייזעלע, איין גאָט האָב איך, איין נשמה. און איין רייזעלע . . . איך וויל דיך גליקלעך מאַכן . . . פאָלג מיך און הער מיין עצה: מיין שוועסטער, חנה, שטייט אין דרויסן מיט איר קינד, זי האָט אַ פּלאַן וואָס קאָן אונז העלפן, טו ווי איך הייס דיך . . .

רייזעלע: וואָס איז דער פּלאַן? מאַטעלע, איך וועל אַלץ טאָן, אָבער ס׳זאָל נישט דעם טאַטן צו שטאַרק וויי טון . . .

מאַטעלע: פּקוח נפש איז דוחה שבת, צוליב צוויי יונגע נשמות צו ראַטעווען, מעג מען אפילו אַ טאַטן אָפּנאַרן . . . נעם, רייזעלע, אַ שטיקל פּאַפּיר און איך וועל דיר עפּעס דיקטירן!
(רעדט איר אַריין אין אויער . . . צעלאַכן זיךביידע).

רייזעלע: (זעצט זיך צום טיש שרייבן אַ בריוו, מאַטעלע לויפט אַרויס און קומט גלייך צוריק, טראָגנדיק אַ קליין קוישעלע, אינווייניק אַ לאַלקע,

די גרויס פון אַ קינד. אַנשרייבנדיק דעם בריוו לייגט זי עס אַריין אין קאַרב.

מאַטעלע: רייזעלע, נו, פאַרשטייסט ? דאַס וועט שוין ענדערן די עקשנות פון דיין טאַטן . . . איבערלייענענדיק דעם בריוו, וועט ער שוין וויסן אַז דאַס איז אונזער אונגעזעצלעך קינד . . .
(שטעלן דאַס קינד אין אַ זייט, ביידע א״פ)

פערטע סצענע

ר׳ יונה: (קומט אַריין אויפגעלייגט און פריילעך, ברומט זיך אונטער אַ ניגון)

כאַשע: (לויפט אַריין מיט אַ געשריי) אַט האָסטו אַזוי פיל אַרבעט, און דאַ האָסטו זיך אַוועקגעשטעלט זינגען דיינע ניגונים . . . וואָלסט כאַטש אַכטונג געגעבן אויף די סאַרווערס און אויך עפּעס מיטהעלפן אין קיך, נישט זיך אַרומדרייען פּוסט און פּאַס . . . (שרייט אַריין אין דער קיך אַריין) סאַרוועריז, זעט, אַז דער לעקאַך זאָל ניט ווערן פאַר־ברענט אין אויוון . . . האָסט געהערט אַ מעשה ? אין מיטן דרינגען שטעלט ער זיך גאָר אַוועק זינגען . . .

ר׳ יונה: ווען זשע דען אויב נישט היינט, זיך משמח זיין ? ענדלעך זיך דערלעבט רייזעלען צו דער חופּה פירן . . . און וואָס נאָך פאַר אַ יחוס . . . אַ קלייניקייט ? אַ רב אַן איידים ! און ניט קיין סטודענט. אַ אידישער גויעץ.

כאַשע: גלויב מיר, אַז מיין האַרץ זאָגט מיר עפּעס פאַר, אַז רייזעלע גייט נעבאַך אַרום אַן אומצופרידענע . . . ביי לייטן ווייסט מען, אַ כלה פאַר אַ חתונה, איז גליקלעך, און זי נעבאַך, גייט אַרום מיט האַרצ־ווייטיק . . . דו זעסט דאָך אַליין . . . אַ דערשלאָגענע, רעדט ניט צו קיינעם.

ר׳ יונה: כאַשע, וואָס זיינען דאָס פאַר אַ דיבורים ? עטע, מעטע, אַ קינד דאַרף פאָלגן עלטערן, וואָס איז דאַ צו געפעלן, און וואָס איז נישט צו געפעלן ? אַזוי בלייבט עס, עס איז אַ זיווּג מן השמים, דערויף בין איך דאָך דער טאַטע, און מיר דאַרף מען קיין דעות נישט זאָגן . . . פאַרשטאַנען ? . . .

כאַשע: יונה, דו פאַרגעסט אַז איך האָב אויך עפּעס צו זאָגן . . . איך בין דאָך די מאַמע, און האָב אויך אַ דעה איבער מיין קינד . . . הערסט ? מיר דאַכט זיך, אַז דו טוסט אַן אומרעכט אַנטקעגן דיין אייגן קינד, זי וויל ניט זאַלמענקען, דאַרף מען איר נישט צווינגען . . . מיין האַרץ

רייסט זיך מיר אויף שטיקער צוזעענדיק איר צער . . . נו אז זי ליבט פאַרט מאַטעלען, דעם סטודענט.

ר׳ יונה: דו הערסט דעם מענה לשון פון אַ אידענע ? זי האַלט שוין אויך מיטן קעלבל, דער שידוך געפעלט איר נישט . . . ווייסטו כאַטשע, וואָסער יחוס מיר האַנדלען איין ? נו ? נו ? מאָרגן איז די חתונה, און מער קיין רעדערייען וויל איך נישט הערן ! גענוג !

כאַשע: (ערנסט) געדענק יונה ! דאָס קינד וועט נאָך אונז עפּעס אָפּטאָן, דאָס האַרץ זאָגט מיר עפּעס, אַז חס ושלום ס׳זאָל נישט געשען . . .

ר׳ יונה: דו ווערסט מיר שוין אויך אַנביאַהטע, אוי כאַשע, כאַשע . . . (בייז) (טרייבט איר, גיי אין קיך אַריין, דו נאַר! אַ אידענע בלייבט אַ אידענע! (כאַשע אָפּ, יונה בלייבט אַליין).

פינפטע סצענע

(עס הערט זיך אַ פּישטשן פון אַ קליין קינד, ר׳ יונה בלייבט שטיין און הערט זיך איין).

ר׳ יונה: אַט האָסטו דיר קעץ . . . געסט צו דער חתונה . . .
(דאָס קינד פאַרגייט זיך ווי אַ קעצל, ר׳ יונה נעמט דאָס האַנטוך, מאַכט אַ קנויל).

ר׳ יונה: אַי, וועל איך די קעץ דערלאַנגען !
(ער גייט צו צום פענסטער אויף די שפּיץ פינגער, שטיל קוקט זיך אום, טוט אַ האַסטיקן וואָרף, באַלד צעלאַכט ער זיך שטאַרק, האַלט זיך פאַר די זייטן פון לאַכן).

ר׳ יונה: האָב איך געגעבן אַ שאָס ! . . . (לאַכט שטאַרק)
(דאָס קינד נעמט וויינען שטאַרקער, ר׳ יונה׳ס פריילעכקייט ווערט אָפּגעהאַקט. קוקט זיך אַרום ערנסט, באַלד דערזעט ער דאָס קויבערל מיטן קינד, בלייבט שטיין אַן איבעראַשטער).

ר׳ יונה: רבונו של עולם, וואָס איז דאָס ? הע, אַ קינד גאָר ? פון וואַנען נעמט זיך דאָ אַהער אַ קינד גאָר ?
(גייט לאַנגזאַם צו צום קויבערל, בלייבט שטיין, גייט ווייטער פאַמעלעך זיינע אויגן דערשראָקן, באַטראַכט דאָס קויבערל, געפינט דעם בריוו, נעמט לייענען).

ר׳ יונה: „ווען דו וועסט לייענען דעמדאָזיקן בריוו, טאַטע, וועל איך שוין

זיין צענדליקע וויארסטן ווייט פון דער היים, איך האָב נישט געקענט אַנדערש האַנדלען, ווייל דו האָסט מיך געוואָלט פאַרקויפן צוליב יחוס צו אַ מענטשן, וואָס איז מיר פרעמד. איך בין אַוועק מיט מיין אמתן חתן מאַטעלען, און מיט אים וועל איך בלייבן אויף אייביק. גיב אַכטונג אויפן קינד, וואָס כ'מוז מיט האַרצווייטיק איבערלאָזן . . . עס איז דיין אייניקל. דיין אומגליקלעכע טאָכטער, רייזעלע''.

(ר' יונה, אַ דערשלאָגענער, דערשלאָגט זיך קוים צום טיש און רופט אויס, קוים איינצלנע ווערטער).

ר' יונה: גאַטעניו, גאָטעניו ! אַזאַ בושה !

(פאַרשטעלט דעם פנים מיט דער האַנט, טייטלט מיטן פינגער בייז).

ר' יונה: דו . . . דו . . . דו . . . אַזאַ מויד, אַזאַ נידעריקע מויד . . . אַ שיקסע . . . אַ ממזר, אַ ממזר געבערענגט אויף דער וועלט . . .

(צעוויינט זיך אויפן קול).

ר' יונה: יונה דעם חזנ'ס טאָכטער . . . אַ ממזר . . .

(פאַרשטעלט זיין פנים מיטביידע הענט, וויינט הויך).

ר' יונה: רבונו של עולם ! די בושה, די שאַנדע, וואו באַגראָבט מען זיך אַ לעבעדיקער פאַר דער וועלט ? וואָס וועט יעצט די וועלט זאָגן ? היינט די שול . . . אַ גבאי . . . באַלעבאַטים . . . און אַזוי מענטשן . . . שכנים אין גאַס . . .

(בלייבט שטיין אין מיטן, אַ פאַרצווייפלטער און שרייט)

ר' יונה: קום אַהער ! איך וועל דיך טויטן, איך וועל דאָס קינד דערשטיקן, איך וועל דאָס קינד הרג'ענען.

(לויפט אַרום, זוכט).

ר' יונה: וואו נעמט מען אַ שטיק אייזן ?

(כאַפּט אַ שטיק האָלץ, ווילד וואַרפט עס צום קוישל פאַרביי. פאַלט נאָד, רעדט ליגנדיק).

ר' יונה: אַט אַזוי, איין קלאַפּ און סע איז שוין טויט.

(ראַנגעלט זיך ביי אויפשטיין. דאָס קינד וויינט שטאַרקער. ער בייזערט זיך).

ר: יונה: שטילער ! (קינד וויינט) איך זאָג שטילער! (קינד וויינט) הערסט ? איך זאָג שטילער !

(יונה אַ טופּע מיטן פיס, בייז).

טצ . . . טצ . . .

(יונה וויל רעאגירן דאָס פּובליקום, דאָס קינד נעמט וויינען פּאַר איינס. ער וויל עס איבערשרייען, לויפט הין און צוריק ווילד. שרייט נאָך).

ר׳ יונה: האַ . . . האַ . . . האַ . . . מאַך צו דיין מויל. לאָמיר זען: ווער וועמען וועט איבערשרייען.
א . . . א . . . א . . . א . . . א . . . :
(געלאַסענער — צום פּובליקום).
גיט אַן עצה . . . ווי ווערט מען דערפון פּטור ? אַט באַלד קומען דאָך די מחותנים צו דער חתונה. (שרייט) כּאַשע . . . כּאַשע, קום אַריין.
(כּאַשע לויפט אַריין. ווערט דערשראָקן. רעדט צו אים ערנסט).

כּאַשע: דיין עקשנות, דיין פּוסטע גאווה האָט געבראַכט דערצו . . . איך האָב געשריען, טרייב ניט דאָס קינד צו דעם טאַטן . . . דיין שולד, דיין שולד (אָפּ, וויינט).
(יונה פאַלט אויפן טיש, וויינט שטיל, זינגט).

יונה: כּרחם אב על בנים. דערבאַרעם זיך אַצינד און ברענג צוריק רייזעלען מיין קינד.
(ווערט פּסיכאָווּדיש, האָט חרטה).

ר׳ יונה: איך . . . איך . . . הרג׳ענען אַ קינד. איך, יונה חזן, אַ מערדער. איך . . . איך . . . יונה חזן האָב זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גזלן . . . איך יונה, וואָס האָט באַצויבערט די וועלט מיט מיין נגינה, באַרימט געוואָרן אַלס גרויסער חזן, אַלס גוטער מענטש, נאָר אין זיין אייגענע הויז, איז ער געוואָרן אַ מערדער . . . אַ גזלן, אַ רוצח, אַ . . ., אַ . . . שלעכטער טאַטע (וויינט) א . . . אַן עקשן, און קעגן וועמען פיר איך אַ מלחמה, קעגן אַן אומשולדיק קינד, מיין אייגן פלייש און בלוט . . . מיין רייזעלעס קינד . . . מיין אייגן אייניקל, מיינס . . מיינס . . . וואָס טוען דען ניט טאַטע מאַמע פאַר זייערע קינדער. (שרייט)

יונה: כּאַשע, כּאַשע ! קום אַריין, לאָז מיך ניט אַליין אין אַזאַ עת צרה.
(כּאַשע קומט, וויינט).

כּאַשע: איך האָב מיך געבעטן ביי דיר ווי ביי אַ גזלן, וואָס עפּעס אַ רב פאַר אַן איידעם. און אַז אַ סטודענט, אַ סטודענט איז דאָך אויך אַ מענטש (גייט אַרום און וויינט) ניטאָ אונזער רייזעלע, ניטאָ אונזער רייזעלע. (אָפּ).
(יונה נעמט שפּאַנען צום קינד אויף די שפּיץ פינגער. אין מיטן וועג בלייבט שטיין, קוקט נייגעריק איבער. (קינד אַ וויין). טוט זיך אַ גיכן דריי

אויס, ווי ברוגז, קומט צוריק, וויל יאָ נעמען און ניט נעמען. פּסיכאָפּאַטיש— רחמנות).

יונה: פאַרוואָס זאָל איך ניט נעמען דאָס קינד אויף מיינע הענט. קוקט אויס גלייך ווי דער זיידע (צעלאַכט זיך ליבלעך, רעדט, שפּילט זיך ליבלעך) כאַ כאַ כאַ כאַ, רעד צום זיידן. בו בו בו בו, נו נו נו נו, גו גו גו גו. (נעמט דאָס קינד אויף די הענט, דריקט צום האַרצן).

יונה: אַנו, טאַנץ אַביסעלע מיטן זיידן. (קושט עס, נעמט טאַנצן איבער דער בימה, פריילעך, געשמאַק).

יונה: אַט אַזוי, טאַ טאַ טאַ, לאַ לאַ לאַ. איך בין היינט דער רייכסטער זיידע אין דער וועלט.
(כאשע קומט. הערט רעדן. רעדט פריינליך).

כאַשע: אַט אַזוי, לערן זיך צו זיין אַ טאַטע ! און אַ גוטער טאַטע, און ניט קיין עקשן.

יונה: (רעדט ליבלעך) הערסט כאַשע ! קינדער זענען זיס, אָבער קינדס קינדער זענען נאָך זיסער. כ׳האָב מער ניט מורא פאַר די שול, פאַר דעם גבאי, פאַר די בעלי־בתים. איז ניט די שול, איז אַן אַנדער שול, און ווי יונה חזן וועט קומען און אָנטאָן אַ טלית און אַ זאָג טאָן (כאַפּט דעם טלית, טוט אים אָן גיך. מחזור אין לינקער האַנט, קינד אין רעכטער האַנט צע־שפּרייט די הענט מיט זיי).
(טוט אַ געשריי, זינגענדיק.) הנני העני ממעש.
(כאַשע, מאַנדאָלין אָרקעסטער, כאָר, אונטער דער בימה שפּילן. רייזעלע, מאַטעלע קומען, זינגען ביי טיר — יונה זעט זיי ניט).

ונרעש — ונרעש,
ונרעש ונפחד מפחד,
יושב תהלות ישראל. (צוויי מאָל)

רייזעלע און מאַטעלע קומען אַן און יונה דריקט דאָס קינד צום האַרצן, קושט עס. ער זעט זיי ניט. רעדט צום קינד).

יונה: און אַז דו וועסט גרויס ווערן, וועסטו העלפן דעם זיידן אין שול זינגען. (זינגט, אַלע העלפן אים אונטער).

נרעש ונפחד, מפחד.
יושב תהלות ישראל. (צוויי מאָל)
(יונה הערט זיך איין, ווערט באַגייסטערט).

יונה: אַלעס זינגט מיט מיט מיר . . . רייזעלע, איך הער דיין שטימע . . .
זינג מיט מיר. (בעט) זינג מיין טייער קינד . . . זינג מיט דיין טאַטע
ווי אַמאָל רייזעלע. האָב רחמנות אויף דיין טאַטן . . . זינג, רייזעלע,
מיט . . .
(יונה פאַנגט אָן זינגען און דיריגירט מיט די הענט. רייזעלע און אַלע
העלפן אונטער זינגען. מאַנדאַלין אָרקעסטראַ האַלטן נאָך).

אַלע: נרעש (אַזוי ווייטער).
(דערזעט זיי).

יונה: אַ, מיינע טייערע קינדער. רייזעלע, מיין רייזעלע. גוטער מאַטעלע.
(דריקט זיי צו זיך און קושט זיי).

מאַטעלע: (צו יונה) פאַרגיט אונז פאַר די שמערצן וואָס מיר האָבן אייך אָנ־
געטאָן. דאָס קינד איז מיין פאַרהייראַטער שטוועסטער חנה׳ס. מיר
האָבן זיך באַנוצט כדי מיר זאָלן קענען ערגרייכן אונזער ציל.

יונה: יאָ ! יאָ ! איר האָט מיין ברכה, טייערע קינדער (צו רייזעלען) נאָך
היינט האָסטע חתונה מיט דיין מאַטעלען און טאַקע שוין.
(כאַשע גיך טוט אויס פון זיך דאָס רינגל, גיט עס מאַטעלען און ער
טוט עס אָן רייזעלען און מאַכן די ברכה).
מאַטעלע: הרי את מקודשת לי.

כאַשע: (שרייט אויס) קלעזמער שפּילט פריילעכס.

(קלעזמער שפּילן פריילעכס, טאַנצן אַלע, קושן זיך פריילעך. טאַנצן
ביז ענדע און זינגען נאָך די קלעזמער. שניאור און זאַלמענקע קומען
און נאָך געסט. זאַלמענקע פון שרעק ווערט פאַרגליווערט, קאַמיש, איין
ווילדע גראַמאַסן).

שניאור: (שרייט) יונה׳ס וואָרט . . . וואָרט . . . וואו איז אייער וואָרט,
מחותן יונה חזן ? . . .

מיין ביאָגראַפיע

איך בין געבוירן געוואָרן אין כערסאָן, רוסלאַנד, אין דעם יאָר 1882 ביי אָרעמע עלטערן. מיין פאָטער האָט געהייסן ישראל און איז געווען אַ שניידער, און צוליב זיין שוואַכן געזונט האָבן מיר זיך אַריבערגעצויגן אין דעם דאָרף קאַפּאַניס, 35 וויאָרסט פון כערסאָן. אונזער פאַמיליע איז באַשטאַנען פון 7 קינדער וועלכע האָבן צומיינסטנס אונטערגעהונגערט.

איך געדענק קוים מיין פאָטער, ווייל ער איז יונג אַוועק געשטאָרבן, און די גאַנצע לאַסט איז געפאַלן אויף מיין קראַנקער מאַמען, וועמען עס האָט צוביסלעך אַרויסגעהאָלפן מיין עלטערער ברודער נחום לייב, וואָס איז קוים אַלט געווען 16 יאָר. די דאָרפישע פויערים, קענענדיק אונזער ביטערע לאַגע, האָבן זיי געהאָלטן פאַר זייער חוב, אונז די יתומים אויסצוהאַלטן ביז יעדער פון אונז וועט ווערן 11 יאָר אַלט כדי שפּעטער זאָלן מיר קאָנען אַוועק איך שטאָט זיך לערנען אַ מלאכה. מיין מזל איז געווען אַז אַ רייכער, גוטהאַרציקער פויער מיטן נאָמען דיעדושקאַ קאָוואַל זאָל מיך צונעמען ערציען; איך בין דאַן אַלט געווען קוים זיבן יאָר. היות אין דאָרף זיינען נאָך געווען עטלעכע אידישע משפּחות, האָט מען דאָרט אויך אויסגעהאַלטן אַ רבין, וועמען מהאָט גערופן יהושוע שוחט. ביי אים אין חדר האָט מען גאָר ווייניק געלערנט, ווייל ער איז שוין געווען צו אַלט, און איז מער געשלאָפן ווי געלערנט. מען האָט אים שפּעטער פאַרביטן אויף אַ יונגערן און בעסערן רבין, וואָס האָט געהייסן יוסף קאָהן, ביי וועמען איך האָב מיט חשק אָנגעפאַנגן לערנען עברי, חומש און תהילים פאַרטייטשן. יעדעסמאָל צוריק קומענדיק פון חדר פלעג איך איבערדערציילן מיין גויאישן אפּיטרופּוס אַלץ, וואָס כהאָב געלערנט, צוליב דעם האָבן זיינע אייניקלעך מיך שטאַרק מקנא געווען, און זאָגאָר אפילו אָנגעפאַנגן צו האָסן און אָפטמאָל צו שלאָגן. זיי פלעגן מיך אָפטמאָל פאַרנאַרן אויפן טויג, וואָס איז געווען אין פעלד ווייט אַוועק הינטערן דאָרף, אַז ערך פון 3 מייל און דאָרטן פלעגן זיי מיך שלאָגן און איבערלאָזן אַ וויינענדיקן, ביז איך פלעג אַנטשלאָפן ווערן אויף די קופּעס היי, ביז שפּעט אין דער נאַכט. אויפכאַפּנדיק זיך פון שלאָף פלעג איך אַרומוואַנדערן אין די פעלדער צווישן די בערג און טאָלן, פילענדיק מיט ווייטיק מיין ביטערע מערכה, אַז כבין אַ יתום אויף דער גרויסער וועלט. איך פלעג זיך דערשלאָגן צו די פּאַסטוכער וואָס פלעגן זיך צוזאַמענקומען ביי אַ פייערל בראָטן קאַרטאָפל און אויסזינגען פאַרשידענע אוקראַאינישע לידער, און איך פלעג מיט זיי זינגען די גאַנצע נאַכט.

פאַרגעסנדיק אויף אַ ווײַלע מײַן ביטערע לאַגע. אויספּעלנדיק אַ פּאָר טעג אין דאָרף בײַ מײַן אַפּאָטרופּוס דיעדושקאַ קאָוואַל, פלעגט ער מיך דאָן אויפ־זוכן אין פעלד און מיך ברענגען אַהיים און צוריקשיקן אין חדר אַרײַן לערנען און דאַבײַ אויסמוסרן זײַנע אייניקלעך, זיי זאָלן מיך מער נישט שלאָגן. דער דיעדושקאַ פלעגט מיך דערײַבער מיטנעמען מיט אַלע זײַנע אייניקלעך זונטיק אין צערקוו, כּזאָל מיטזינגען מיט אַלע קינדער „אַלעלויאַ און אַטשע גאָש״, און צוליב מײַן אַלטאַ שטימעלע האָבן מיך אַלע ליב באַקומען. אַט די דידאַזיקע בילדער פון מײַן ביטערער קינדהייט צוזאַמען מיט דעם דאָרפס לעבן זײַנען געבליבן אײַנגעקריצט אין מײַן זכרון ביזן הײַנטיקן טאָג, און די שיינקייט פון דער נאַטור האָט שטאַרק משפּיע געווען אויף מײַן געמיט.

ווערנדיק 11 יאָר אַלט האָט מיך מײַן מאַמע אָפּגענומען פון פויער מורא האָבנדיק, אַז כּזאָל חלילה נישט פאַרבלײַבן אַ דאָרפישער שגץ, האָט זי מיך אַוועקגעשיקט אין שטאָט אַרײַן קיין כערסאָן כּזאָל לערנען אַ מלאכה. דער פעטער מײַנער אין כערסאָן, אַ פרומער איד, האָט אָבער מיך אַוועקגעשיקט אין אַ חדר צו לערנען אידישקייט. אין דעם דאָזיקן חדר האָב איך געלערנט חומש מיט רש״י תנך און אַ ביסל גמרא. טראָץ מײַן געוואַלטיקן חשק ווײַטער צו לערנען האָט מיך מײַן נויט געצוואונגען צו פאַרלאָזן דעם חדר און לערנען זיך שנײַדערײַ. הגם איך פלעג ביז שפּעטער שעה אַרבעטן, פלעג איך פון דעסטוועגן זיך אַרײַנכאַפּן אין דער שול צו הערן דעם יאַמפּאָלער מגידס דרשות, וועלכע האָבן אויף מיר שטאַרק געווירקט צוליב דער עטישקייט פון זײַן פּער־זענלעכקייט און די שיינע דרשות, וואָס האָבן געווירקט אויף מײַן קינדערשער נשמה, וואָס האָט געבענקט און געלעכצט נאָך אַ גוט וואָרט. אַ באַזונדערע ווירקונג האָט אויף מיר געמאַכט אין כערסאָן די וואַנדער אַרטיסטן פון ברידער סאַבסאַיאַס, וואָס פלעגן פון צײַט צו צײַט שפּילן טעאַטער בײַ אונז אין שטאָט, וועלכע האָבן פאַנאַנדערגעשפּילט מײַן פאַנטאַזיע אויך צו ווערן אַמאָל אַן אַקטיאָר. דאָס האָט באַווירקט, אַז איך האָב זיך שפּעטער אָנגעשלאָסן אין אַן אוקראַאינישער אַמאַטאָרן גרופּע צו שפּילן טעאַטער, וואו איך האָב אָנטייל גענומען אין 3 אָפּערעטן. זײַענדיק באַשאָנקן מיט אַן אַלטאַ שטימעלע און ליב האָבנדיק די אידישע סקאַרבאָווע נגינה, בין איך אויך געוואָרן אַ משורר אין דער ניקאָלאַיעווער כאָר שול, בײַ אונז אין שטאָט כערסאָן.

אין דערדאָזיקער שול פלעגט האַלטן דרשות דער קאַזיאָנער ראַבינער ד״ר גינזבורג, וועמענס סעקרעטאַר איז געווען ישעיה פרוגס ברידער, צוליב וועמען דער דיכטער אַליין פלעגט אָפט קומען באַזוכן די שול, און אויך זיך טרעפן בײַ מאַיסיי אַסעפּאָוויטש שאַד, דער גרויסער בוך הענדלער בײַ אונז אין שטאָט כערסאָן, וואו פרוגס ביכער פלעגן פאַרקויפט ווערן און מײַן יונגערער ברודער יצחק (איסאַך) איז געווען אַן אָנגעשטעלטער. די דאָזיקע באַזוכונגען

פונם דיכטער פרוג האָבן מיר געגעבן די מעגליכקייט אים גענטער צו באַקענען און לייענען זיינע שריפטן, אַזוי ווייט, אַז איך האָב זיך אויסגעלערנט צו זינגען זיינע לידער און דעקלאַמירן זיי אויף אַלע אונטערנעמונגען וואו מען האָט מיך איינגעלאַדן.

די לידער פון ש. פרוגן האָבן געווירקט אויף מיין געמיט אַזוי ווייט, אַז איך האָב אויך אָנגעפאַנגן לידער צו שרייבן און צופּאַסן צו זיי אייגענע מוזיק. די דאָזיקע לידער האָבן צירקולירט אין מיין שטאָט כערסאָן, באַזונדערס זיינען געווען פּאָפּולער די לידער „דער מאַלער", „דער קישענעווער פּאָגראָם" און די „געזונקענע שיף". דאָס ליד „דער קעשענעווער פּאָגראָם" האָב איך געשריבן זייענדיק אונטער דער ווירקונג פון דער געוואַלטיקער, גרויזאַמער שחיטה, וואָס איך האָב אַליין שפּעטער דאָס בייגעוואוינט אין אָדעס אין („וואולפס פערעאולאַק").

צו 19 יאָר בין איך אַוועק דינען אַלס סאָלדאַט אין יעקאַטערינאָסלאַוו און שפּעטער געוואָרן טראַנספּערירט קיין ראָסטאָוו אייגצושטילן דעם אויפ־שטאַנד אין 1903 פון די אַרבעטנדע מאַסן קעגן דער צאַריסטישער רעגירונג. איך אַליין דורכמאַכנדיק אַן אָרעם לעבן האָב איך אָנגעזאַפּט אין זיך די גערעכטע טענות פון די באַעוולטע אַרבעטער מאַסן. נאָכן איינשטילן פון אויפ־שטאַנד האָט מען מיך צוריק טראַנספּערירט קיין יעקאַטערינאָסלאַוו צו מיין פּאָלק, און נאָך זייענדיק אַ סאָלדאַט האָב איך אָנגעפאַנגען מיטצואַרבעטן אין געהיים מיט די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און זיך באַקענט מיטן באַרימטן אַרבעטער פירער, ג. סירקיס. איך האָב באַזוכט פיל פאַרבאָטענע מאַסאָווקעס און זיך דאָרט באַקאַנט מיטן קאַפּיטאַן לאַקאָמסקי פון דער אַרטילערי, וואָס כאָטש ער איז געווען אַ הויכער מיליטערישער אָפיציר איז ער געווען אַן אַקטיווער אָנפירער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. ער איז געווען דער וואָס שפּעטער, בשעת דער באַלשעוויסטישער רעוואָלוציע, האָט פּערזענליך אַרעסטירט דעם צאַר ניקאָלאַי אין דער שטאָט פּסקאָוו.

אין 1904, צוליב דער יאַפּאַנישער מלחמה, בין איך אַנטלאָפן פון רוס־לאַנד און זיך באַזעצט אין ווין, עסטרייך. דאָרט האָב איך מיט נאָך עטלעכע אָרגאַניזירט אַ פאַרבאַנד פון די אַנטלאָפענע סאָלדאַטן פון דער יאַפּאַנישער מלחמה, כדי צו שאַפן די געלד פאָנדן זיי צו דערמעגלעכן צו עמיגרירן אין פאַרשידענע טיילן פון דער וועלט.

דאָס איז מיר געלונגען דורך דער ווינער „אַליאַנס איזראַעליטעט", אַ דאַנק דעם, וואָס איך האָב זיך פאַרבינדן מיטן גרויסן אידישן עסטרייכישן פילאַנטראָפּ באַראָן פאָן טוסיק און די פירער פון דעם אַליאַנס ד"ר וואַרבורגער און ד"ר יעלינער. זייענדיק אין ווין האָב איך זיך אויך באַקענט מיט איגנאַצי

דאַשינסקי, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער מאַרשאַל פון פּוילישן סיים. די דאָזיקע באַקאַנטשאַפט איז אָבער שוין געווען ביי מיין פּאַרלאָזן ווין נאָך קאַנאַדע. אין קאַנאַדע בין איך אָנגעקומען אין סעפּטעמבער 1904. און באַלד זיך אָפּגעגעבן מיט דער אַרבעטער באַוועגונג און בין געוואָרן דער וויס־פּרעזי־דענט פון דער שניידער יוניאָן „די יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס אָוו אַמעריקע" אויסער דעם בין איך אַריין אין דער ליבעראַלער פּאַרטיי, וואו איך בין נאָך טעטיק ביזן היינטיקן טאָג אַלס דער פּרעזידענט פון דער עקטיוו ליבעראַל היברו אַסאָסיאיישאַן וואָס איז אַפיליאירט אין דעם הויפּט אָפיס פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי. אַ דאַנק דעם האָב איך זיך ערוואָרבן פיל פריינט צווישן אידן און קריסטן, וועלכע איך האָב געהאָלפן ערוויילט צו ווערן צו שטאָטישע, פּראָווינציעלע און פעדעראַלע וואַלן, און דורך זיי האָב איך געקענט אַ סך מענטשן העלפן וואָס זיינען געווען אין נויט. איך האָב מיין צייט אַוועקגעגעבן פריי און נישט גענומען באַצאָלט פאַר מיינע שתדלנות. אין יאָר 1930 בין איך באַערט געוואָרן פון דער פּראָווינציעלער רעגירונג קוויבעק מיטן טיטול, „דזשאַסטיס אָוו די פּיס". אין יאָר 1932 בין איך געווען איינגעלאַדן צו אַ באַנקעט פון דער אימפּעריאַלער קאָנפערענץ אין קאַנאַדע. און אויך געווען איינגעלאַדן צו אַ מיטאָג פון שני למלך לאָרד בינג אָוו ווימי אין 1926, צו זיין אָפּשייד פון קענעדע.

נאָך פיל יאָרן פון געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט האָב איך ווידער אָנ־געפאַנגען צו שרייבן. געווירקט דערצו האָט דער טויט פון מיין ליבער פרוי, נאָך וועלכער מיין בענקשאַפט און ליידן זיינען געקומען צום אויסדרוק אין דער פאָרם פון די לידער, וועלכע איך האָב מיט האַרציק געוויין אויסגעגאָסן . . . דאָס רוב פון די לידער האָב איך געשריבן ביי דער מאַשין אין שאָפּ. אין זיי האָב איך אַריינגעגעבן מיין צער און ווייטיק און די אַלע ענטוישונגען פון אַ מענטשן, וואָס מאַכנדיק אַ סך הכל פון זיין לעבן, האָט ער צום סוף דערזען, אַז ער האַלט נאָך ביי בראשית. זיי זיינען מיר אַלע האַרציק טייער, ווייל אין זיי ליגט מיין וועלט פון חלומות און מיין אייביק זוכן נאָך דעם וואָס קאָן איינשטילן דאָס אייביקע דורשטן נאָך אמת און ליבע . . .

יוסף אַראַנאָף.

אינהאַלט:

אלי אלי למה עזבתני 11
כ'רוף צו אייך: על אלה אני בוכיה 12
איכה מאַטיוון 14
איך באַגרים 15
פּאָעטן און שרייבער 16
מיין דערפעלע 17
דער שאָפּ 19
בנגינות על השמינות 20
פרייד 21
אין וויגעלע 22
כ'פרעג דיך, לבנה 23
אָפּגעריסענע בלומען 24
(אין ענגליש) 25
אויגן דיינע 26
(אין ענגליש) 27
וועב זיך, וועב זיך, ... 28
גיב מיר פּלאַץ אין דיין הארצן 29
אויגן איר שיינע 30
שענקט מיר 31
מיין לעבנס בוך 32
כ'בין אַ מאַמע 33
דער פויגל אין שטייג 34
אָן אַ היים 35
צווישן זשאַבעס ביים טייכל 36
די ביימער אין וואַלד 37
ווען כ'דערמאָן זיך 38
פאַרוואָס מאַמע 39
וואו זענען יענע אויגן? 40
ליבע 41
מיין בת מלכה 42
פאַר וואָס 43
אויף די פליגל פון אַ חלום, מיר האָט זיך געדאַכטן 44
צו דער וועלט 47
אַ בריוועלע 48
חלומות 49

מלחמה מאַטיוון

וואו זענען יענע צייטן? 53
דאָס געטאָ ליד 55
דעם זעלנערס ליד 56
פּליטים 57
היים, אַ היים 58
אונזערע העלדן 59
כ'בין אַ סאָלדאַט 60
הין און צוריק 62
דאָנער קאָזאַקן 63

לידער מיט מוזיק

כל נדרי אויפן שלאַכט פעלד 69
(מוזיק) 71
ערוואַך 72
(מוזיק) 75
(ענגליש) 76
„הנני" כ'בעט 78
(מוזיק) 79
צווישן הימל און ערד 82
(מוזיק) 85
מיין האַרץ וויל ניט רוען 86
(ענגליש) 87
(מוזיק) 89
גיב מיר דיין האַנט 90
(ענגליש) 91
(מוזיק) 93
דאָס בילד פון מיין היים 95
(מוזיק) 94
אויסגעוויקט די קינדער 97
(ענגליש) 99
(מוזיק) 101
אמר רבי אליעזר 102
(מוזיק) 105
ומפני חטאינו 108
(מוזיק) 107
בין איך געווען אַ גביר 109
היימוויי - איך בין קיינעמס 110

באַלאַדעס

געפעלט אייך מיין כלה? 115
רייזעלע 118

פעליטאָנען

אַ סוויפּ סטעיק טיקעט 123
פעליטאָן פאַר פורים 126
אַ סאָסייעטי זוכט אַ מעמבער 129

דערציילונגען

לילי אין געריכט 133
(ענגליש) 142
אַריבער דעם גרעניץ 143

צוגעגעבענע לידער

היימוויי - איך בין קיינעמס 151
(מוזיק) 153
לולאַביי (ענגליש) 154

מעלאָדראַמאַטישע קאָמעדיע

אין איין אַקט

רייזעלע, יונה דעם חזנ'ס טאָכטער 155
מיין ביאָגראַפיע 170